Gaylord
PAMPHLET BINDER
Syracuse, N. Y.
Stockton, Calif.

שושנה

אַ טהעאַטער־פֿאָרשטעלונג אין פֿינף אַקטען
צו ערקלעהרען דעם מענש וויא פֿאָרזיכטיג
ער ברויך זיין מיט דיא פֿאַלשע פערגעניגענס

פערפֿאַססער

B. Thursch.

נאַכדרוק שטרענג פֿערבאָטען.

PRINTED ... POLAND
227

שושנה

א טהעאטערפארשטעלונג אין פינף אקטען. צו
ערקלעהרען דעם מענש וויא פארזיכטיג ער ברויך:
זיין מיט דיא פאלשע פערגעניגענס.

פערפאססער

B. Thursch.

ווארשא

בדפוס דובערוש טורש. נאלעווקי 7 №

תרס"ו

„ШОШАНО"

т. е. „Лилія"

Соч. Б. ТУРШЪ

ВАРШАВА **1906 г.**

въ Типографя Б. Туршъ Налевки 7.

הקדמה

„אלו תיטראות וקרקסיות שבאדום, שעתידין
שרי יהודה ללמד בהן תורה ברבים״.
(מגלה ו׳).

תענוג בתי החזיון מתנשא עתה לכל לראש על כל תענוגי הלד. גם העני החיבק אשפתות יקמץ יום יום אגורת כסף אחת מהוצאותיו. לא ימרח לחמו בחמאה. לא יקנה לו בורית לרחוץ פניו. עדי יאסוף מחיר הפתקא להסתופף בצל התיטראות. ובין הבאים נראה הרבה לבושי סחבות ונעלים מטולאים אשר העניות מנולתם, ואש תשוקתם העזה לבתי החזיון לא תועם.

לכן שמעה אזני הפצרת רבים מהמהלכים על כנפי רוח דעת ויראת שדי, לערוך בעד במות התיטראות חזיונות מלבבים ותמונות חיות, לעורר בקרב רואיהם רגשי תום ויושר, ולהטותם לתחיה שכלית ודתית. בקשתם זאת רחוקה היא משכל החרדים העושים את בתי החזיון כמטרה לחצי לעגם המר והנמהר. אבל קרובה היא מאד לשכל הבקיאים בטיב העולם הנכחי. יען חזיונות כאלה עשירים המה בכח נמרץ, להשריש בלב הרואים שרשי עשתונותיהם, וללכוד אותם ברשתם.

ונעלה אצלי מעל כל ספק, כי חזיונותי אלה יהיו כטל חרמון וגשם לבנון לחולי הנפשות הבלתי מרגישים מחלתם, וימהרו לכבס הכתמים המזוהמים מעל צלמם האלהי, אשר האופנים וחיות הקודש מתקנאים בו, והיה זה שכרי.

דובערוש טורש

דִּיא פֶּערְזָאהנֶען

חִלְקִיָּהוּ. דער אַלטער יודישער פּאָרשטעהער אין בָּבֶל.

הֲדַסָּה. חלקיהו'ס פרויא.

שׁוֹשַׁנָּה. חלקיהו'ס איינציגע טאָכטער.

דָּנִיאֵל. יודישער גרויספירשט בייא דעם קייזער דָּרְיָוֶשׁ.

יְהוֹיָקִים. שושנה'ס אונ דלילה'ס מאַן.

דְּלִילָה. יהויקים'ס ערשטע פרויא.

יְהוֹיָדָע. אַלטער שַׁדְכָן אין בָּבֶל.

וַשְׁתִּי. יהוידע'ס ערשטע פרויא.

פּוּעָה. יהוידע'ס צווייטע פרויא.

אַבְשָׁלוֹם }
אֱלִישָׁמָע } ריכטערס אין בָּבֶל.

פְּרֶעזֶעס. רִיכְטֶערְס. פְּרָאקָארָאר. פֶּערְטֵיידִיגֶער. פָּאלִיצֵייא. קַאמֶערְדִיעֶנֶער. סָאלְדַאטֶען. דִיעְנְסְטֶען.

ערשטער אקט

(אין זעהר א רייכען ארטאדאקסישען קאבינעט, אויסגעשטעלט מיט פיעל פערשידענע היילינע ספרים, זיצט זיך דער אלטער היילינער חלקיהו ביי א אפענעם ספר קהלת, און לערנט מיט זעהר א פערגייסטעטע שטימע):

„רְאֵה חַיִּים עִם אִשָּׁה אֲשֶׁר אָהַבְתָּ. זעה גוט צו לעבען מיט דיינע געליעבטע פרויא. כָּל יְמֵי חַיֵּי הֶבְלֶךָ אֲשֶׁר נָתַן לְךָ תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ. אלע דיינע נארישע טאג וואס גאט האט דיר געגעבען אונטער דיא זאנע. כִּי הִיא חֶלְקְךָ בַּחַיִּים וּבַעֲמָלְךָ אֲשֶׁר אַתָּה עָמֵל תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ. ווייל דיא פרויא איז דיין לעבענסלאס און דער צוועק פון דיינע ארבייט אונטער דיא זאנע". (ער שטעלט זיך אויף און שפריכט געהענדיג היין און צוריק): עס איז ווירקליך צו בעוואונדערן! דער קלוגער קעניג סאלאמאן, וואס האט אויף זיין עלטער גענומען זעהר א פייערדיגע פעדער אין זיינע האנד, צו בעשמוטצען אלע טהייערסטע פערגעניגענס, וואס שפיעלען זעהר אגרויסע ראליע אויף דיא שטערבליכע וועלט. אלע תענוגים, וואס אויך דיא גרעסטע קעניגע פערברענגען מיט זייא זייערע בעסטע יאהרען, האט ער גערופען מיט דעם גרויזאמען טיטעל „הֲבֵל־הֲבָלִים". אויסער דיא איינציגע פרויא וואס איז בעפרייט געווארען פון זיינע קריטישע פעדער, און ביז זיינע ענדע האט ער איהר פערגעניגען געאכטעט, און זיא זעהר טהייער געהאלטען. אויך זיין היילינער פאטער דוד, ווען זיין קייזערליך בלוט זואהר שוין קאלט און האלבאבגעשטארבען אין זיינע אדערען, האט איהם נאך דאמאלס זעהר שיין געפאלען דער ראטה וואס זיינע קנעכט האבען איהם געגעבען, מען זאל איהם פערשאפען א שיינע פרויא. איך אלטער חלקיהו האב מיך אין דעם זעהר פעסט איבערצייגט. וויא וואלט איך אויסגעזעהען יעצט אויף מיין עלטער, אהן מיינע טהייערע, היילינע, גוטע, זיסע, קלוגע, פרומע, עדלע, פיינע פרויא הֲדַסָּה זאל לעבען? זיא איז ביי מיר פיעל טהייערער פאר מיינע אויגען אין קאפף. הֲדַסָּה איז אין העבראישען דער

טהײעֶרעֶר בּוים מִירטהעֶ, אוּנ זִיא אִיז אויךְ זעֶהר אַ טהײעֶרעֶר בּוים אִין דעֶם יוּדִישׁעֶן גאָרטעֶן. אַךְ! ווִיא... (הרסה קומט אַרײַן זעֶהר פעֶרטריִעבּט, אוּנ פעֶרבּראָכעֶן אִיהרעֶ האֶנד).

אַ ווּעֶלט מִיט צָרוֹת — זאָגט הרסה — אַ העֶלט פִיל מִיט יְסוּרִים. אוּנ דעֶם גרעֶסטעֶן טהײַל פוּן דִיא צָרוֹת אוּנ יְסוּרִים, נעֶמעֶן נעֶבּאַךְ דִיא אוּנשׁוּלדִיגעֶ מעֶנשׁעֶן, וואָס דעֶר הײַלִיגעֶר נאָהמעֶן גאָט מִיט זײַנעֶ רעֶלִיגעֶזִישׁעֶ שׁטראַהלעֶן שׁײַנט אִימעֶר פאַר זײַערעֶ אויגעֶן.

הֲדַסָה־לעֶבּעֶן! — עֶנטפעֶרט חלקיהו — ווּעֶן דִיא קוּמסט אַרײַן אֵיינִיגעֶ מִינוּטעֶן פרִיהעֶר, אוּנ דִיא העֶרסט וואָס אִיךְ האָבּ געֶלעֶרנט, וואָלסט דִיא זעֶהר אַגרויסעֶן שׁטאָלץ בּעֶקוּמעֶן, אוּנ דִיא וואָלסט דִיא ווּעֶלט נִיכט אַזוֹיא שׁלעֶכט קרִיטִיקִיעֶרט.

זאָג מִיר לִיעֶבּעֶר מאַן — פראָגט הרסה — וואָס האָסט דִיא דאָס יעֶצט אַזוֹיא געֶלעֶרנט?

אִיךְ — עֶנטפעֶרט חלקיהו — האָבּ געֶלעֶרנט וואָס דעֶר קלוּגעֶר קאֶנִיג סאַלאַמאָן האָט בּעֶשׁטעֶטִיגט אויף זײַן עֶלטעֶר, דאָס אַלעֶ ווּעֶלטלִיכעֶ פעֶרגנִיגעֶנס זעֶנעֶן הֲבֵל־הֲבָלִים, אויסעֶר דִיא פרוֹיא.

געֶווִיס — זאָגט הֲדַסָה מִיט אַ פרײַלִיךְ געֶזִיכט — דִי עֶהרלִיכעֶ פרוֹיא האָבּעֶן שׁוין דִיא קלוּגעֶ לאַנג געֶגלִיכעֶן צוּ אַ שׁטאָלקאַטץ, וואָס זִיא מאַכט לִיכטִיג אִיהר מאַנס אויגעֶן, אוּנ זִיא אַלײַן ווּעֶרט לײַדעֶר פעֶרנִיכטעֶט. לִיעֶבּעֶר מאַן! ווּעֶן דִיא פעֶרשׁטעֶהסט יאָ ווִיא טהײַער דִיא פרוֹיא אִיז, בּעֶט אִיךְ דִיךְ דִיא זאָלסט יעֶצט מײַן וואוּנשׁ עֶרפִילעֶן.

מִיט פעֶרגעֶנִיגעֶן — עֶנטפעֶרט חלקיהו — אַלעֶס וואָס עֶס אִיז נוּר מעֶגלִיךְ.

חלקיהו־לעֶבּעֶן! — עֶרצעֶהלט הֲדַסָה — אִיךְ האָבּ שׁוין אִין מײַן לעֶבּעֶן פעֶרשִׁידעֶנעֶ בִּיטעֶרעֶ טרעֶרעֶן געֶזעֶהעֶן, נוּר אַזאָלכעֶ טרעֶרעֶן ווִיא אִיךְ האָבּ יעֶצט געֶזעֶהעֶן, האָבּ אִיךְ נאָךְ נִיכט אִין מײַן גאַנצעֶן לעֶבּעֶן געֶזעֶהעֶן. גלײבּ מִיר לִיעֶבּעֶר מאַן, דאָס ווּעֶן אויךְ דִיא גִיפטִיגעֶ בּײַזעֶ שׁלאַנגעֶן וואָלטעֶן דִיא טרעֶרעֶן געֶזעֶהעֶן. אויךְ ווּעֶן דִיא בּײַזעֶ וואַלד־טהִיערעֶ וואָלטעֶן דאָס בִּיטעֶרעֶ קלאָגעֶן געֶהעֶרט, וואָלטעֶן זײַא אויךְ מִיט געֶקלאָגט. ווִיא נאָךְ אִיךְ הרסה,

וואָס מײַן הצַדיק איז אימער ווײַך ווי‍ִא פּוטער, אוּנ מײַן מוֹחַ איז פּי‍ִל מי‍ִט ערבּאַרמקײַט.

אַזאָלכע בּי‍ִטערע טרערען? — פערוואונדערט זי‍ִך חלקיהו — בּײַא מי‍ִר אי‍ִן שטוּב זאָל מען אַזויא ווײַנען? וויא געפי‍ִנט מען דען נאָך אַזויא אַ גלי‍ִקלי‍ִך הויז וויא בּײַא מי‍ִר אי‍ִז? גלי‍ִק. געזונד. פרי‍ִידע. רײַכטהוּם. יחוּס, דיא פי‍ִנף מענשלי‍ִכע הויפּט צירוּנגען, געפינען זי‍ִך אַלע אי‍ִן מײַן לי‍ִעבּלי‍ִכען שטעטען. דיא גרעסטע גלי‍ִקלי‍ִכע בּי‍ִרגערס פוּן בָּבֶל, זענען אוּנז מְקַנֵא מי‍ִט אוּנזערע וועלטבּערוּהמטע טאָכטער שוֹשַׁנָה. אוּנ בּײַא דיא אַלע ווי‍ִכטי‍ִגע גלי‍ִקען וואָס דער הײַלי‍ִגער יוּדי‍ִשער גאָט האָט אוּנז געשאָנקען, זאָל מען זי‍ִך נאָך ני‍ִכט לאָסען בּעני‍ִגען, אוּנ מען זאָל נאָך בּי‍ִטערע טרערען פערגי‍ִסען? הדסה! אי‍ִך שרעק, אי‍ִך האָבּ זעהר מוֹרֶא פאַר דיא גרויסע זי‍ִנד.

שרעק ני‍ִכט — ענטפערט הדסה — ני‍ִכט אײנער פוּן אוּנזערע הויזמענשען האָט חָלִילָה דיא טרערען פערגאָסען. גאָט זאָל הי‍ִטען! דיא טרערען האָבּען געפלי‍ִסט פוּן אַ פרעמדע יוּדי‍ִשע פרויס אויגען, וואָס אי‍ִז אַהער געקוּמען די‍ִך בּעטען, דיא זאָלסט זי‍ִא אַרויסרעטען פוּן אי‍ִהר שרעקלי‍ִכען אוּנגלי‍ִק. מען האָט די‍ִ פרויא דְלִילָה געזאָגט, דאָס נוּר דיא לי‍ִכטי‍ִגע שטראַהלען פוּן דײַן תּוֹרָה, קאָנען זעהר לײַכט פערטרײַבּען אי‍ִהר פי‍ִנסטער אוּנגלי‍ִק.

לי‍ִעבּע פרויא! — זאָגט חלקיהו — אי‍ִך האָבּ אײנמאָהל בּײַא מי‍ִר פעסט בּעשלאָסען, אי‍ִך זאָל צוּ מי‍ִר ני‍ִכט אַרײַנלאָסען קײנע פרעמדע פרויא.

אי‍ִך — זאָגט הדסה — קאָן דאָס לײַדער ני‍ִכט פעַרשטעהן. צוּ ווײַל דיא פרויענצי‍ִמער אי‍ִז בּײַא די‍ִר אַזויא אַ ני‍ִעדרי‍ִג בּעשעפעני‍ִס, דאָס מען בּרויכט אויף אי‍ִהר קײַן רַחֲמָנוּת האָבּען? אָדער ווײַל דיא ווי‍ִלסט ני‍ִכט אָנרײַצען דעם ווי‍ִלדען יֵצֶר־הָרַע אויף דײַן הײַלי‍ִגען קערפּער?

נײַן לי‍ִעבּע פרויא — ענטפערט חלקיהו — דיא האָסט לײַדער ני‍ִכט געטראָפען. מײַנע אַלטע ווײַסע האָאר, שרעקען שוין ני‍ִכט מעהר פאַר דעם נאַרי‍ִשען יֵצֶר־הָרַע. אויך האָט דיא פרויענצי‍ִמער זעהר אַגרויסען ווערטה אי‍ִן די‍ִ יוּדי‍ִשע רעלי‍ִגיאָן. דיא פרויא אי‍ִז דיא טהײַערסטע אוּנ װי‍ִכטי‍ִגסטע ווי‍ִרטען אי‍ִן דיא וועלט הערמאָניע. דיא פרויא אי‍ִז דער הײַלי‍ִגער שמאַקפאָלענדער גאָרטען וואָס אוּנזערע הײַלי‍ִגע פּאַטערס אברהם יצחק יעקב זענען אי‍ִן אי‍ִהם געוואַקסען. דיא פרויא שטעהט אימער מי‍ִט אי‍ִהר געוועהר וויא אַ טרײַער סאָלדאַט בּײַא אי‍ִהר מאַנס קערפּער, אוּנ הי‍ִט אי‍ִהם אָבּ פוּן אַלעס בּײז. אוּנ

נאָך , און נאָך , און נאָך פיעל גוטע וויכטיגע זאַכען , וואָס דיא פרויא ברענגט אויף דיא וועלט. דאַדורך וויל איך ניכט קיינע פרעמדע פרויא אַריינלאָסען צו מיר , פילייכט וועלען איהרע ביטערע טרערען דערוועקען אין מיין ערבאַרמדיג האַרץ אַ פראָטעסט אויף גאָטס פירונג. און פאַר אַזויא אַ געדאַנק, ברויך יעדער עהרליכער יוד צו שרעקען, וויא נאָך אויף דיא עלטער, ווען מען שטעהט שוין ביא דיא שוועלע פון לעבען, און מען געהט אָבגעבען אַ ריכטיגען רעכנונג פאַר דעם בית־דין של מעלה.

טהייערער מאַן ! — בעט איהם ה־סה — איך האָב שוין דיא אונגליקליכע עגונה מיין היילינ וואָרט געגעבען, דאָס איך וועל זיא פאַר דיר פאָרשטעלען.

אויבוואָהל — ענטפערט חלקיהו — דער וואָס בעשעפטיגט זיך מיט דעם אויפבונדען אַ עגונה, איז גראַדע וויא דאָס קליינע נאַרישע קינד, וואָס עס וויל דאָס שיינע פייער זאָל צו איהם נעהע צום וויגעלע צו קומען , און שפיעלען זיך מיט דיא העלליכע פונקען , ווייל עס ווייסט נאָך ניכט וויא געפאָהרליך דאָס פייער איז. נאָר וואָס קאָן איך מאַכען , ווען דיא האָסט איהר שוין דיין וואָרט געגעבען ? רוף זיא אַריין . (הדסה עפענט דיא טהיר און רופט אַריין דלילה'ן . זיא קומט אַריין און ביקט זיך פון וויטען פאַר חלקיהו מיט גרויס פורכט און עהרע) .

טרערען — זאָגט הדסה — פעהלט שוין ניכט דיא פרויא .

דיא טרערען — ענטפערט הלקיהו — ברויך יעדער מענש בעהאַלטען נור פאַר גאָטס וועגען, ניכט צו פערגיסען זייא פאַר אַ שטאָרבליכען מענש .

גרויסער היייליגער מאַן ! — ביטערט דלילה — ווען דאָס האַרץ איז פיל מיט שמערצען, געהען דיא אויגען אַליין איבער. היייליגער צדיק! נור איהר קאָנט פערמאַכען דעם קוואַל פון מיינע ביטערע טרערען. נור איהר ערבאַרמדיגער העררן זענט דער איינציגער אַרצט , וואָס קאָן מיין אומנאַטורליכען שמערץ פערטרייבען .

וואָס — פרעגט חלקיהו — איז דען דיר געשעהען ?

איינינע וואָכען — ערצעהלט דלילה — נאָך מיין אונגליקליכע האָכצייט , האָט מיין גאָטזעליגער מאַן אליאָב מיט זיך גענומען מיין גאַנץ פערמעגען , און איז געפאָרען סחורה קויפען. און וויא ער איז דורך געפאָרען דעם וואַלד , זענען איהם בעפאַלען ווילדע טהיערע, און האָבען איהם אויפגעפרעסען. מען האָט פון איהם מעהר ניכט געפונען וויא זיין מיטץ פון קאָפף , און איך זיטץ

שוין אזויא עלענד, אהן א מאן אונ אהן געלד, צוויא פעליגע יאהר. איך
האב מיך ניכט מיט וואס צו ערנעהרען. איך ווער בענויא פערריקט קלעהי־
רענדיג, וויא לאנג איך וועל זיין געשמידט אין דיא עגונה־קייטען? וויא
לאנג וועט נאך דער שטן מיך בעגלייטען אויף יעדען שריט אונ טריט?

אמת — ענטפערט חלקיהו — דאס דיין יונגער קערפער איז צו שוואך
צו פערטראגען אזויא א שרעקליך אונגליק. נור עס איז ליידער פערפאלען.
עס איז דיר בעשעהרט צו זיין א אפפער אויף אינזער הייליגען גלויבענס
אלטאר, אונ מעהר ניכט וויסען פון קיין מאן. שטעל דיר מיין קינד פאר,
ווען דער הייליגער צדיק יוסף וואלט שוין געהאט א פרויא אין דיא צייט וואס
זיינע ברודער האבען איהם פערקויפט, אונ דיא פרויא פראגט איהר שוויגער־
פאטער יעקב, אויב עס איז איהר ערלויבט צו הייראטען מיט א צווייטען מאן
אונ ער וואלט איהר דאס זיכער ערלויבט, וויל יוסיפונס צוריסענע פערבלו־
טיגטע העמדעל, וואהר בייא איהם א זיכערער צייכען, דאס דיא בייזע
טהיערע האבען איהם אויפגעפרעסען. שטעל דיר פאר דאס זיא האט א צוויי־
טען מאן גענומען, אונ האט מיט איהם געהאט קינדער, נאכדעם איז יוסף
אהיים געקומען, אונ האט דעם מאן מיט אונשולדיגע אונעהרליכע קינדער
געטראפען. וויא שרעקליך, וויא מאראל, דאס וואלט אויסגעזעהען, אונ וויא
אונגליקליך דיא נפשות וואלטען נעבאך געוועזען?

וויא מאראל — פראגט דלילה — זעהט דאס אויס, א יונגע פרויא,
בלוים בלוטה אונ מילך, בלייבט עוויג זיטצען פעראונגליקט, עלענד, אהן
א מאן, אהן קינדער, אהן ערנעהרונג, אהן דעם מינדעסטען געוועהר צו
קעמפפען געגען דיא שטארקע נאטור?

הדסה! — זאגט חלקיהו — בין איך ניכט גערעכט געוועזען. וואס
איך האב געהאלטען מיינע טהיר פערשלאסען פאר פרעמדע פרויען? זאג
ליעבע פרויא אליין, אויב דיא אונגליקליכע עגונה׳ס ווערטער, דערוועקען
ניכט א פראטעסט אויף גאטס פירען דיא וועלט? וויא שמערצט, וויא
וועהטיגט דעם עהרליכען ארצטס הארץ, הערענדיג וויא דער שטערבליכער
קראנקער וויינט אונ ביטערט, יאמערט אונ קלאגט, ער זאל איהם פון
ביטערן טויט רעטען, אונ ער האט פאר איהם קיין מיטעל ניכט?

הייליגער מאן! — ענטפערט דלילה — איהר קאנט דאך גאט
בעטען, ער זאל שנעל ענטדעקען פערבארגענע פאקטען אונ ריכטיגע צייכענס,
צו וויסען בעשטימט דיא ענדע פון מיין מאן.

דאָס — זאָגט הדסה — וועט דיר מיין מאַן זיכער טיהען .

אֵל רַחוּם וְחַנוּן ! — בעט הלקיהו אויפהייבענדיג דיא האַנד צום הימעל — ערבאַרם דיך אויף דיא אונגליקליכע עֲגוּנָה , אונ זעה דיא טייכען טרערען וואָס איהרע אויגען פליסען שוין צווייא יאָהר , אויף איהרע יונגע אָבגעהאַקטע יאָהרען . ענטדעק דעם ריכטיגען געהיים פון איהר מאַן , מיר זאָלען זיא קאָנען בעפרייען פון דיא שוועהרע עֲגוּנָה'שע קייטען .

אָמֵן ! — ענטפערט דלילה — אָמֵן ! (זיא זינגט זעהר מאָראַל) :

אין בויך פון ווילדע גיפטליכע טהיערע
איז נעבאַך מיין מאַנס פינסטערע דירה
אונ איך בין עוויג געבליבען פערבונדען .
עס איז ליעבער אַזויא אַ מִיתָה מְשׁוּנָה
וויא צו פערבלייבען אַ עוויגע עֲגוּנָה
אָהן אַ אַרצט צו מיינע שרעקליכע וואונדען ?

* *
*

אַ קורצע צייט נאָך מיינע פינסטערע חֲתוּנָה
האָב איך בעקומען דעם שיינעם נאָהמען עֲגוּנָה
צו זיטצען עלענד אויף דיא שיינע וועלט .
צו האַנדלען אין פיעל פערשידענע געגען
האָט ער גענומען מיין גאַנץ פערמעגען
אונ האָט מיך אויף עוויג בְּדַלוּת געשטעלט .

* *
*

זוען איהם האָט ערמאָרדעט אַ טהיער
איז איהם שוין פיעל בעסער פאַר מיר .
ער פיהלט מעהר קיין שמערץ , קיין פיין .
פאַר מיר איז פערשאָלטען דיא ערד
וואָס האָט דיא עֲגוּנָה אַ ווערטה ?
וועהמס בין איך , אונ ווער איז מיין ?

* *
*

דלילה! — טרייסט זיא הדסה — בערוהיג שוין דיינע פערביטערטע נערווען. ווען מיין הייליגער מאן האט דיר זיין בְּרָכָה געגעבען, קאנסט דיא שוין זיין זיכער, דאס דיא וועבט זעהר שנעל געהאלפען ווערען. (חלקיהו'ס איינציגע טאכטער שושנה קומט אריין, אונ דערלאנגט איהם צום טיש א גלאז מילך).

ליעבע טאכטער! — זאגט חלקיהו — זעה נאר וויא דיא פרויא דלילה האלט דאס פאר זעהר א שרעקליך אונגליק, וואס איהר מאן איז פלוצלונג פון איהר פערלוירען געווארען, אונ זיא בלייבט חָלִילָה זיטצען א עֲגוּנָה. אונ דיא ליעב קינד, ווילסט גארניכט הייראטען. דער נאהמען מאן איז זעהר עקעלהאפט אין דיינע אויגען, אונ אויף יעדען שַׁדְכָן קוקסט דיא וויא אויף דעם מַלְאַךְ־הַמָּוֶת.

דיא אירסט דיך האכגעעהטע פריילין — זאגט דלילה — ווען דיא פרויא איז א בריליאנט, איז איהר מאן איהר גאלדפערפאסונג. אונ ווען דיא פרויא איז א רויז, איז איהר מאן איהרע טויא אונ גוטער רעגען. יעדע פריילין וואס וויל ניכט הייראטען, איז גראדע וויא א שיינע שמאקפאלענדע בלומע אין א וויסט ארט. ווען מיין זעליגער מאן וואהר ביי מיר אין שטוב, האבען זיך מיט מיר אלע גוטע זאכען געשפיעלט: גליק, געזונד, רייכטהום, פריעדען. אונ וויא ער איז פון מיר פערלוירען געווארען, זענען דיא אלע גליקען פון מיר מיט איינמאהל אנטלאפען, אונ איך בין געבליבען וויא א פפויא מיט אויסגעפליקטע פעדערען.

געוויס — זאגט שושנה — האסט דיא דאך פון איהם בעקומען טהייער צירונג. נעם פערקויף עס, אונ האב חֲתוּנָה מיט א צווייטען מאן. דאס פְּסוֹלֶת פעהלט דאך ניכט ביי אונזערע יודעלעך.

יא מיין קינד — ענטפערט דלילה — איך בין געוועזען אין איניגע גאלדגעשעפטען פערקויפען מיין צירונג, האט מען מיך זעהר אויסגעלאכט, דאס דיא בריליאנטען זענען פאלשע בילינע שטיינער. נאר דיא שטיינער האבען מיר ניכט אזעלכע שמערצען פערשאפט, וויא דיא שווערע שטיינער וואס דיין הייליגער פאטער זאל לעבען האט יעצט געלייגט אויף מיין צובראכען הארץ. דאס איך בלייב א עוויגער אפפער אויף אונזער רעליגעזישען אלטאר.

איך — זאָגט שושנה — קאָן דאָס ניכט פערשטעהן. אַ מאַן וואָס דיא פרויא ברענגט איהם אַריין אַזויא אַגרוים פערמעגען, זאָל זיא אָבנאַרען מיט פאַלשע שטיינער? ניין דלילה! דיא געשיכטע קומט מיר זעהר קאָמיש פאָר. זיא איז ניכט אַזויא גלאַטיג וויא דיא מיינסט. מען ברויכט אין דעם זעהר גוט אַריינקלעהרען.

ווער — פרעגט חלקיהו — האָט דיר דיין מאַנ'ס מיטץ געבּרענגט?

אַ יונגער מאַן — ענטפערט דלילה — מיט אַ געלב בערדעל.

איך — זאָגט הדסה — פערשטעה דאָס אויך ניכט. ערשטענס, וויא אַזויא קומט צו איהם דיין מאַנס מיטץ? צווייטענס, מיט וואָס האָט ער דערקאָנט דאָס דיא מיטץ איז דיין מאַנ'ס? דריטענס, צו וועלכען צוועק האָט ער דיר דיא טהייערע מְצִיאָה אַ היים געבראַכט?

פאַרטאָג — ערצעהלט דלילה — האָט דער יונגערמאַן בּייא מיר האַסטיג אָנגעקלאַפּט, אונ האָט מיר דיא מיטץ געגעבען, זאָגענדיג, דאָס דיא טהיערע האָבען מיין מאַן אויפגעפרעסען אין וואַלד. איך האָב איהם געפראָגט זיינע אַדרעסע, אונ וויא אַזויא ער איז דאָס דערגאַנגען? האָט ער מיר גאָרניכט געוואָלט ענטפערן, אונ איז פון מיר וויא אַנטלאָפען געוואָרען.

ליעבע טאָכטער! — זאָגט חלקיהו צו שושנה — דיא האָסט זעהר רעכט, דיא טרויעריגע געשיכטע איז ניכט אַזויא גלאַטיג וויא דלילה מיינט. ווער ווייסט וואָס פאַר אַ שרעקליכען געהיים אין דעם שטעקט. דלילה! פערליער ניכט דיין מוטה, איך וועל דאָס איבערשמיסען מיט דעם קלוגען פירשט דָנִיאֵל איש־חֲמוּדוֹת, פיליכט וועלען מיר בּיידע דערגעהן דעם ריכטיגען וועג אויפצובונדען דיך פון דיא עֲגוּנָה'שע קייטען. גאָט בָּרוּךְ הוּא זאָל אונז זיין צו הילף.

הייליגער מאַן! — בעט דלילה — ערלויבט מיר אַריינצוקומען צו אייך ווען איך וועל נאָר עטוואָס נייעס דערגעהן. האָט אויף מיר דעם זעלבען רַחֲמָנוּת, וואָס דער הייליגער עֵלִי הַכֹּהֵן האָט געהאַט אויף אונזערע מוטער חַנָּה.

איך — ענטפערט חלקיהו — ערלויב דיר. דיא קאָנסט בּייא מיר אָנקלאַפּען זאָגאַר אין דיא האַלבע נאַכט.

זעהר אַגרויסען דאַנק — זאָגט דלילה — גאָט זאָל אײַך בעלוינען פֿאַר אײַער גוט האַרץ. אַ גוטען טאָג. (דלילה געהט אַרויס. דער אַלטער שַׁדְכָן יהודע קומט אַרײַן).

גוט מאָרגען אײַך הײליגער חלקיהו! — זאָגט יהודע — גוט מאָרגען אײַך מאַדאַם הדסה! גאָט איז מיט דיר שושנה!

יהודע! — זאָגט חלקיהו — זעצט אײַך. אײַער פֿרײליך געזיכט צײגט, דאָס איהר האָט אונז יעצט אַ גוט געשעפט געבראַכט.

אַזויא אַ יאָהר אויף מיר — ענטפֿערט יהודע — איך האָב יעצט געבראַכט פֿאַר אײַערע טאָכטער זאָל לעבען, אַ שִׁדוּךְ פֿון בלוים גאָלד אונ ברילִיאַנטען. גלײבט מיר עהרליך, ווען איהר וואָלט געהאַט נאָך אײן שײנע טאָכטער וויא שושנה איז, וואָלט איהר זיא מיר געבורוכט אײַנגעגעבען אַלס פֿרויא פֿאַר בלוים שַׁדְכָנות־געלד.

יהודע! — שפּאַסט חלקיהו — פֿילײכט האָט איהר אַזויא אַ מעדיצין, וואָס זאָל מײנע טאָכטער מאַכען אַ אַפּעטיט צום הײראַטען?

גלײבט איהר ניכט — ענטפֿערט יהודע — אַלע בערען האָבען ליעב האָניג, אונ אַלע מעדכענס ווילען הײראַטען. ווען מײן ווײב האָט געוואָלט הײראַטען מיט אַזויא אַ שְׁלִימַזְל וויא איך בין, זאָל שושנה ניכט ווע‏לען הײראַטען מיט אַזויא אַ יונג. פֿײן, שײן, רײך, בָּחור'על, וואָס דָנִיאֵל איש־חֲמוּדוֹת ברויכט בײא איהם דיא שטיפעל פּוטצען? געוואַלד! גלײבט איהר ניכט. יהודע'ס קאָפּף זאָל אַזויא לעבען.

איך — זאָגט שושנה — בין קײן ווילדער בער, אונ דיא פּאַרטיע איז קײן האָניג.

נײן פֿרײלײן — ענטפֿערט יהודע — דאָס גליק פֿליהט פֿאַר יעדע מענש פֿאַרבײא וויא אַ אָדלער, אונ ווען ער האַפּט עס ניכט שנעל אָן בײא דיא פֿליגעל מיט בײדע האַנד, פֿליהט עס פֿון איהם שנעל אַוועג, אונ ער קאָן עס שוין מעהר ניכט דעריאָגען. איך קאָן דיך פֿרײלײן ניכט פֿערשטעהן. האָב איך דיר געבראַכט אַ שִׁדוּךְ מיט דעם רײַכען אַבשלום, האָסט דיא געשאָקעלט מיט דײן קאָפּף נײן. דיא ווײסט? דער זעלבער אַבשלום איז יעצט געוואָרען אײנער פֿון דיא גרעסטע ריכטערס אין בָּבֶל. נאָכדעם האָב איך

דיר גענבראַכט אַ שידוך מיט אֱלִישָׁמָע, האָסט דיא איהם אויך ניכט געוואָלט. דער זעלבער אֱלישמע איז יעצט אויך געוואָרען אַגרויסער ריכטער דאָ אין בָּבֶל. יעצט האָב איך דיר שוין געבּרענגט אַ טהייערער אֶתְרוג'ל מיט אַלע מַעֲלות. אונ ווען דיא וועסט דיא מְצִיאָה ניכט שנעל צו חאַפּען. וַיִּבְרַח יַעֲקֹב, וועט ער מיט אַ אַנדערע הייראַטען. דיא זאָלסט דיר ניכט איינרעדען, דאָס דיא בּיסט איין איינציגע ראָזינקע אין דעם יודעשען קוגעל. עס זאָל אַזויא פעהלען מיין ווייב צָרות וויא עס פעהלען יודישע שיינע מיידלעך אין בָּבֶל.

יהוידע! — זאָגט שושנה — איהר זאָלט אייך ניכט אַזויא איילען. דיא מַכָּה וואָס זיא בּרויכט לייגען זיין אויף מיין אַקסעל, וועט זיא אויף אַ צווייטענס אַקסעל ניכט אַרויסשפּראַטצען. וואָס עס איז מיר בּעשעהרט, וועט עס צו מיר אַליין אַהיים קומען.

דאָס — ענטפּערט יהוידע — מיין איך טאַקע. דאָס וואָס עס איז דיר ווירקליך בּעשעהרט, האָב איך יהוידע דיר יעצט געבּראַכט אין שטוב אַריין. צווייא מייל אונטער בָּבֶל וואָהנט אַ יונגער מאַן פון צוואַנציג יאָהר. ער שטאַמט אַרויס פון דוד הַמֶּלֶךְ. אונ האָט אַ גרויס פערמעגען. בּעזונדער איז ער זעהר אַגרויסער לַמְדָן, אונ אַ מוּשְׁלָם בְּכָל הַמַּעֲלות. ער האָט דיך איינמאָהל געזעהען, איז איהם אַריין אַ גאָטליבער געדאַנק אין קאָפּ, דאָס ער זאָל מיט דיר הייראַטען.

ווער — פראָגט חלקיהו — איז דאָס דער תַּכְשִׁיט? אַזויא אַ טהייערער בָּחוּר געפינט זיך אין גאַנצען צווייא מייל אונטער בָּבֶל, אונ איך ווייס ניכט פון איהם?

ער — ענטפּערט יהוידע — הייסט יְהוֹיָקִים, דער איינציגער זוהן פון דעם וועלטבּערוהמטען צַדִיק אֶבְיָתָר הַכֹּהֵן.

דער שידוך — זאָגט חלקיהו — געפעלט מיר זעהר. אַלע מַעֲלות: רייך. געלערנט. יִחוּס.

דיא גרעסטע מַעֲלָה — זאָגט שושנה — האָסט דיא ליבער פאַטער פערגעסען צו פראָגען, אויב ער איז שיין אונ אָהן אַ פעהלער?

דיא מַעֲלָה אויך — ענטפּערט יהוידע — ווען דיא שושנה בּיסט שיין וויא דיא לְבָנָה, איז יְהוֹיָקִים שיין וויא דיא זונן. ווען מיין ווייב וואָלט געוועזען

איין טויזענדעל פּראָצענט אַזויא שײן וויא ער, וואָלט איך פֿון גרויס שִׂמְחָה געטאַנצט אויף אַלע מויערען פֿון בָּבֶל. זיין הערליך געזיכט. זיין אָבגעטאָקט בעזעלע, מיט זיינע רויטע בעקעלעך, איז דער ריכטיגער צֶלֶם־אֱלֹהִים וואָס אָדָם הָרִאשׁוֹן איז מיט איהם בערוהמט געוועזען. שושנה! אַזויא וויא דיא וועסט נור איין בליק געבען אויף זיינע שײנע טויבענאייגעלעך. אויף זיינע רויזענרע ליפּעלעך. אויף זיינע קריסטאַלישע האָנדעלעך, וועסט דיא אַזויא הויך שרייען: יאָ! דאָס אַלע מְעוּבֶּרֶת׳ע ווייבער פֿון בָּבֶל וועלען חָלִילָה מַפִּיל זַיין מיטען גאַס.

יהוידע! — זאָגט שושנה — וויפיל איהר רעכענט בייא דעם שׁדוך צו פֿערדינען, וועל איך אייך געבען צעהן מאָהל אַזויא פיעל. ווען איהר פֿועלט בייא דָנִיאֵל אִישׁ־חֲמוּדוֹת, ער זאָל מיט מיר הייראַטען. ער איז דאָ בייא אונז געסטערן געוועזען, האָט ער מיך ווירקליך בעצויבערט מיט זיין גאָטליך שוינהייט, אויך מיט זיינע זיסע קלוגע צונג. גליקליך וואָלט איך מיט מיינע עלטערען געוועזען, ווען דער טהייערער אוצר פֿאַלט אין מיינע האַנד אַריין.

האַ־חאַ־חאַ! — לאַכט יהוידע — ווען איך בין אַ מעדכען, וואָלט איך מיך אויך פֿערליעבט אין דיא שײנע ליאַלקע. שושנה! מאַך דיך בעסער ניכט נאַריש, זאָג מיר איך זאָל אַרויפקרוכען אין הימעל אַריין, אונ דיר אַרונטער־ברענגען דעם מאָרגענשטערן. ווען דער פֿירשט דניאל זאָל וועלען הייראַטען, וואָלט ער געקאָנט טוהען אַ קייזערליכע פּאַרטיע. פֿון דיא צייט וואָס ער איז געראַטעט געוואָרען פֿון דעם לייבענגרוב, קלינגט זיין נאָהמען אויף אַלע עקען וועלט. דער קייזער דָרְיָוֶשׁ ליעבט אונ אַכטעט איהם וויא זיין אייגען קינד. דיא גרעסטע קאָניגע האָבען אין זייער פּאַלאַסט הענגען זיין בילד.

ניין ליעבע טאָכטער. — זאָגט חלקיהו — איך זאָג דיר אויך דאָס זעלבע, דאָס דניאל איז צו הויך פֿאַר דיר. דער יעצטיגער שדוך וואָס יהוידע האָט געבראַכט, איז פֿאַר דיר מיין קינד אַ טהייער אַנטיקעל. יהוידע איז ווערטה, דיא זאָלסט איהם אַליין דערלאַנגען אַ גרויס גלאָז וויין.

יהוידע! — שפּאַסט שושנה געהענדיג אין צווייטען צימער אַריין — ווען איהר וועט וויין טרונקען, וועט איהר נאָך אויסזאָגען אַלע סודות, דאָס הייסט אַלע פֿערבאָרגענע פֿעהלערען וואָס דער יְהוֹיָקִים בעזיצט. (זיא געהט אַרויס.

יהויקים — זאָגט יהוידע — איז גראַדע יעצט אין בָּבֶל. בעשטימט מיר אַ צייט, וועל איך איהם אין אַ גליקליכע שָׁעָה אַהערברענגען.

ווען —- ענטפערט חלקיהו —- איהר ווילט. איך גלויב דאס זעהענדיג זיין שוינהייט, וועט זיא אין דניאל'ן פערגעסען. (שושנה ברענגט אריין א גלאז וויין, אונ שטעלט עס פאר יהודע'ן).

צום לעבען! — וואונשט יהודע — עס זאל זיין מיט גרוים גליק.

אמן! — ענטפערן אלע — אמן! (ער טרונקט).

יהודע! — זאגט חלקיהו — איהר זענט דאך אויך א שטיקעל יודע ספר, פיליייכט קאנט איהר געפונען א וועג מתיר צו זיין דיא יונגע אונגליקליכע עגונה דלילה. זיא איז טאקע יעצט אוועגגעגאנגען פון היער. זיא האט שוין בענויא אונז אלע קראנק געמאכט, מיט איהר קלאגען אונ וויינען אויף איהר שרעקליכען אונגליק. פאר צוויא יאהר האט איהר מאן מיט זיך גענומען זיין גאנץ פערמעגען אונ איז געפארען האנדלען. פארענדיג אין וואלד זענען איהם ווילדע טהיערע בעפאלען, אונ האבען איהם אויפגעפרעסען. עס איז פון איהם קיין איינציגער צייכען געבליבען אויסער זיין מיטץ פון קאפף.

טהייערער חלקיהו! — ענטפערט יהודע — איך וואלט אזויא א פאלשע פרוי'ס אונפערשעהמטע פנים מיט פיטרעיאל אונ שיידוואסער אבגעוואסען. יעדע טרייע פרויא וואס האט זוכה געוועזען צו בעגראבען איהר מאן פריהער פאר זיך, בעדארף זיא צו טרויערן אויף איהם ביז זיא וועט צו איהם מיט מזל אהין קומען אין גן-עדן אריין. חא-חא-חא! גאט וויים צו דיא וועלט קאן חלילה ניכט אונטערגעהן, ווען דלילה וועט זיך חס ושלום ניכט אנקלעבען ווי א פייאווקעלע אונטער א צווייטען מאנ'ס אויערען? געוואלד! וואס פאר א מין אויסטערליש בעשעפעניס דיא פרויען זענען? ניכט אומזאנסט קאן איך מיין ווייבס טרפה'נעם פרצוף ניכט אנקוקען. גלויב מיר, ווען דלילה'ס מאנס אונגליק וואלט מיך געטראפען, וואלט מיין ווייב אויך אייער קאפף פערדרייט. זיא וואלט פאר אייך אזויא לאנג געקלאגט אונ געבעטשעט, ביז איהר וואלט איהר א צווייטען זכר געגעבען, אויבוואהל זיא איז שוין לא עלינו א אלטע דארע צובראכענע קוה, אהן א לעק מילך.

געהט שוין געהט — זאגט הדסה — איך קאן אייער ווייב נשתי פאר א כשרה פרויא.

כשר — שפאסט יהודע — איז זיא שוין פון לאנג. ריצינעהל איז אויך כשר, פון דעסטוועגען וויל עס קיינער ניכט טרונקען. (עס עפענט זיך דיא

טהיר, אונ דער פירשט דניאל איש־חמודות קומט אריין קייזערליך געקליידעט. שושנה מיט איהרע עלטערען נעמען איהם זעהר פריינדליך צו, אונ זעטצען איהם צום טיש).

הייליגער חלקיהו! — זאגט דניאל — דער קייזער דריוש האט מיר געזאגט, דאס מארגען אבענד וועט זיין אין דעם פאלאסט בל א זיטצונג פון די גרעסטע אנטיסימיטען איבער דעם יודישען גלויבען. זייא ווילען פיעל דעליגעזישע רויזען אויסרייסען פון אונזער גאטליכען גארטען. איך פערלאנג דורכאויס איהר זאלט אויך דארט זיין, אונ מיט גאטליכע הילף וועלען מיר ביידע ארויסרעטען אונזערע הייליגע תורה פון דיא שלאנגענס מויל.

איך — ענטפערט חלקיהו — דאנקע דיר זעהר וואס דיא לאסט מיך נעמען א אנטהייל אין דיא גרויסע מצוה. אה וועה! וויא לאנג נאך וועלען דיא שמוטציגע ווארם לאקערען, צו פערניכטען דיא רויזען פון אונזער דעליגעזישען גארטען? (דלילה קומט אריין זעהר פערביטערט, האלטענדיג איהר טאנס מיטץ אין האנד).

איך — זאגט דלילה — בעט פערצייהונג. איך האב מיר יעצט בעטראכט מיין ערמארדעטען מאנס מיטץ, האב איך אינוועגדיג דערזעהן פיעל פלעקען פון זיין אונשולדיג בלוט.

אונשולדיג בלוט? — ענטפערט שושנה — א מענש וואס דיא פרויא ברענגט איהם אריין אגרויס פערמעגען, אונ ער גיבט איהר צירונג מיט פאלטע שטיינער, איז נאך זיין בלוט אונשולדיג? איך וואלט אויף אזויא א מאן קיין איינציגע טרער פערגאסען. (יהודע בעקומט א אנדער געזיכט הערענדיג איהרע ווארטער).

פיליייכט — פראגט דניאל — קאן איך אויך וויסען וואס עס איז מיט דיא פרויא געשעהען?

פאר וואס ניכט? — ענטפערט דלילה — פאר צווייא יאהר האט מיין גאטזעליגער מאן גענומען מיט זיך מיין גאנץ פערמעגען, אונ איז געפאהרען קויפען וואארע. אונ וויא ער איז געפארען אין וואלד, האבען איהם ליידער דיא טהיערע אויפגעפרעסען, אונ עס איז פון איהם מעהר ניכט געבליבען וויא דיא מיטץ.

ווִיא אַזוֹיא — פראֶגט דניאל — אִיז דִי מִיטץ געקוּמען צו דִיר ?
פאַרטאָג — ערצעהלט דלילה — האָט בּייא מִיר אָנגעקלאַפּט אַ יונ-
געֶרמאַן, אונ האָט מִיר דִיא בִּיטערע בְּשׂוֹרָה מִיט דִיא מִיטץ געבּראַכט, אונ
ווִיא אִיךְ האָב אָנגעהויבּען צו ווייִנען, אִיז ער ווִיא אַנטלאָפען פון מִיר, אונ
ווייס נִיכט ווער אונ ווִיא ער אִיז. (דניאל נעמט דִיא מִיטץ, אונ בּעטראַכט
זִיא פון אַלע זייטען).

דלילה! פראֶגט דניאל — ווִיא לאַנג אִיז שוין ? צווייא יאָהר ?

יאָ געעהרטער פִירשט — ענטפערט דלילה — צווייא יאָהר.

חאַ-חאַ-חאַ! — לאַכט דניאל — דִיא בּלוּטִיגע פלעקען זענען דאָךְ
נאָךְ פייכט ? אויךְ אִיז דאָס קיין מענשענבּלוט נור הִינערבּלוט. ניין! אַזוֹיא
ווִיא אִיךְ דניאל בִּין לעבּען געבּלִיבּען אין לייבּענגרוּב, אִיז דיין מאַן אויךְ
געבּליבּען לעבּען אין וואַלד, אונ דִיא בּייזע טהִירערע האָבּען מִיךְ אונ אִיהם נִיכט
אָנגערִירט. אַלסדאַן האָסט דִיא דלילה זעהר אַגרויסע זִינד געטוּהען, מִיט
דעם וואָס דִיא האָסט דִיא מִיטץ בּעשמִירט מִיט הִינערבּלוּט, צו פערבּלענדען
אונזערע ראַבּינערס אויגען, מען זאָל דִיר ערלויבּען צו הייראַטען מִיט אַ
צווייטען מאַן. דלילה! זאָג דִיא וואַהרהייט. אִיךְ בִּין דער פִירשט דניאל
דעם קייזער דָרְיָוֶשׁ'ס רעכטע האַנד. עס אִיז נאָךְ נִיכט געשעהען קיין געהיים
אִיךְ זאָל אִיהם נִיכט דערגעהן.

אִיךְ בִּין מוֹדֶה — ענטפערט דלילה פאַלענדִיג מִיט שרעק פאַר דניאל'ן
— אִיךְ האָבּ דִיא מִיטץ פלייסִיג בּעשמִירט מִיט אַקליין בִּיסעלע הִינער-
בּלוּט, טראַכטענדִיג, פִילייכט ווערט מען מִיר דורךְ דעם אַרונטערנעמען דִיא
עֲגוּנָה'שע קייטען, וואָס אִיךְ בִּין שוין אין זייא צווייא יאָהר געשמִידעט. אִיךְ
זאָג יעצט דִיא וואַהרהייט, דאָס אִיךְ האָב שוין מעהר קיינע קראַפטין, צו
שטרייטען געגען דִיא מענשליכע נאַטור.

אויף דעם פייער! — שרייט דניאל אויפהייבּענדִיג זִיךְ פון שטוהל — לויט
געזעטץ קומט דִיךְ צו פערבּרענען, ווייל דִיא האָסט געוואָלט הייראַטען
בּעפויער מען האָט דִיר דעם נאָהמען עֲגוּנָה אַרונטערגענומען.

טהייערער דניאל! — בּעט הדסה — האָב מִיט אִיהר מִיטלייד. ער-
בּאַרם דִיךְ אויף אִיהרע יונגע יאָהרען. טוה דאָס אונז צו לִיעב.

בּייא דעם געזעטץ — ענטפערט דניאל — גִיבּט קיין מִיטלייד. קיין

צוּ לִיעבּ . אֶין רַחֲמִים בַּדִין . (עֶר עִפְּעֶנְט דאָס פֶעֶנסטעֶר אוּן פַייפְט אַרוֹיס מִיט זַיין פֵייפֶערִיל . עֶס קוֹמעֶן אַרַיינגצִילִיפְעֶן פָּאָלִיצִיאַנטעֶן , אוּנ גֶעבֶּען אִיהם אָבּ עֶהרעֶ) : נעֶמט דִיא פרוֹיא אִין קעֶרקעֶר אַרֵיין , אוּנ זעֶהט מעֶן זאָל אִיהר דאָרט קֵיין שלעֶכטעֶס טוּהעֶן .

געֶעהרטעֶר פִירשט — בִּיטעֶרט דלילה קוּשעֶנדִיג דניאל'ס פִּיס — שִׁיקט נִיכט אַרוֹיף זַאלץ אוֹיף מַיינעֶ שׁרעֶקלִיכעֶ וואוּנדעֶן . שטעֶלט אֵייך זעֶלבּסט פָאר מַיין פֶערבִּיטעֶרט הַארץ . געֶוואַלד ! טוּהט מִיר נִיכט אָן דִיא גרוֹיסעֶ שׁאַנדעֶ .

אִיך — עֶנטפֶערט דניאל — בִּין הֵיילִיג צוּגעֶשׁוואָהרעֶן צוּ דִיא וואַרהֵייט . זוֹען דאָס געֶרִיכט וועֶט דִיך בּעֶפרֵייעֶן וועֶל אִיך נִיכט זַיין דעֶרגעֶגעֶן . (דלילה לוֹיפט צוּ שושנה'ן אוּנ חאַפּט זִיא אָן בַּייא אִיהרעֶ האָנד) .

טהֵייעֶרעֶ פרֵיילֵיין ! — ווֵיינט דלילה — בּעֶט דעֶם פִירשט עֶר זאָל מִיך בּעֶפרֵייעֶן פוּן דִיא גרוֹיסעֶ שׁאַנדעֶ . (דניאל געֶהט שנעֶל אַרוֹיס . דִיא פָּאָלִיצִיאַנטעֶן שלעֶפּעֶן דלילה'ן אַרוֹיס . זִיא מַאכט זעֶהר שרעֶקלִיכעֶ געֶוואַלדעֶן . דיא פָאָרהאַנג פַאלט) .

צְוֵייטֶער אַקְט.

(אִין זעֶהר אַ שֵׁיינעֶ רֵייכעֶ זאַאל, נעֶבּעֶן אַ קלֵיין טִישׁעֶל , זִיצט זִיך שׁוֹשַׁנָה בַּייא אַ גלאָז מִילך , אוּנ לעֶזט פוּן אַ בּלאַט) :

„אִין דעֶם געֶפאָהרלִיכעֶן גרוּב וואָס מעֶן האָט דניאל'ן אִין אִיהם אַרֵיינגעֶ-„וואָרפעֶן . האָבּעֶן זִיך געֶפוּנעֶן צעֶהן אוֹיסגעֶהוּנגעֶרטעֶ לֵייבּעֶן . דִיא ווִילדעֶ טהִיעֶרעֶ „האָבּעֶן אִיהם געֶצֵייגט זעֶהר אַ לִיעבּלִיך געֶזִיכט , אוּנ האָבּעֶן אִיהם געֶלעֶקט ווִיא „דִיא טרֵייעֶ הוּנד לעֶקעֶן זֵייעֶרעֶ העֶררעֶן ווען זֵייא קוֹמעֶן צוּרִיק פוּן פעֶלד , אוּנ ווִיא „מעֶן האָט אִיהם אַרוֹיסגעֶנוּמעֶן , אוּנ זֵיינעֶ פֵיינד האָט מעֶן מִיט דעֶם קֵייזעֶרס „בּעֶפעֶהל אַרֵיינגעֶוואָרפעֶן , האָבּעֶן זֵייא דִיא לֵייבּעֶן גלֵייך אוֹיפגעֶפרעֶסעֶן מִיט „זעֶהר אַ אוּמנאַטִירלִיכעֶן צאָרן , עֶס אִיז פוּן זֵייא אֵיין גאַנצעֶר בֵּיין נִיכט געֶבּלִיבּעֶן . „דעֶר קֵייזעֶר דָרְיָוֶשׁ . זַיין גאַנצעֶר הוֹיף , אַלעֶ מִינִיסטאָרעֶן . דִיא גרעֶסטעֶ „געֶנעֶרעֶלעֶר . אוֹיך דאָס גאַנצעֶ פאָלק . אַלעֶ אַלעֶ שׁרֵייעֶן יעֶצט אָפעֶנטלִיך

„דאָס נאָר דניאל׳ס יודישער גאָט איז ריכטיג און וואָהר. אַלע מאָהלער „זענען טאָג און נאַכט פערנומען מיט דניאל׳ס בילדער. טאָג טאָגליך „בעקומט ער פערשידענע מעדאַלען פון דיא גרעסטע קאָניגע״. (זיא טרונקט דיא מילך): יאַ. אַ עווינען גליקליכען נאָהמען האָט זיך דער יודישער יונגע געקויפט מיט דיא וואונדערליכע געשיכטע. נור דיא געשיכטע איז ליידער יעצט וויא אַ אייזערנע וואַנד צווישען מיר און איהם. אַך! וויא גליקליך וואָלט איך מיך געשאָטצט, ווען זיינע גאָלדענע צונג שפרעכט צו מיר דיא פייער ליעבליכע ווערטער: „שושנה! איך ליעב דיך״. (זיא שטעלט זיך אויף זעהר אויפגערעגט): פון דעם ערשטען מאָמענט וואָס איך האָב איהם ערקאָנט, פון דיא ערשטע מינוט וואָס זיין הערליך געזיכט האָט אַ וואונדערשיינעם בלאַשטש געגעבען פאַר מיינע אויגען, בין איך זעהר שרעקליך בעצויבערט געוואָרען. אין דעם בעסטען עסען פיהל איך קיין ריכטיגען געשמאַק ניכט. אַ גאַנצע נאַכט קאָן איך ניכט איינשלאָפען אויף מיין געלעגער, עס פעהלט מיר גאָרניכט, און עס פעהלט מיר אַלעס. מיינע ליעבע מוטער זאָל געזונד זיין הייסט מיך געהן פראָגען דעם אַרצט. זיא ווייסט ניכט דאָס נור דניאל איז מיין איינציגער אַרצט. נור אויף דעם וואונדערשיינעם בוים וואַקסט דאָס איינציגע היילמיטעל צו מיינע גייסטליכע קראַנקהייט. נור איך קאָן ליידער צו דעם עץ־הַדַעַת ניכט גרייכען. וויא אַ גלאָק קלינגען יהודע׳ס ווערטער אין מיינע אויערין: „זאָג מיר איך זאָל אַרויפקריכען אין הימעל אַריין און דיר אַרונטערברענגען דעם מאָרגענשטערן״. אַך גאָט! וויא זיס איז דיא עכטע ליעבע, אָבער וויא ביטער איז דעם, וואָס ער קאָן ליידער צו איהר ניכט גרייכען. (דיא דיענסט טראָגט אַריין אַ פאָטרעט).

דער הערר זאָל לעבען — זאָגט דיא דיענסט — האָט דעם פאָטרעט געקויפט, וויא דער וועלטבערוהמטער דניאל זיצט אין לייבענגרוב.

עס פריידט מיך זעהר — זאָגט שושנה קוקענדיג אויף דעם פאָטרעט — גראַדע וויא אַ היילינע מְזוּזָה ברויך יעדער יוד האָבען בייא זיך הענגען דאָס בילד. ברענג אַריין אַ האַק וועל איך אויפהענגען דעם פאָטרעט. (דיא דיענסט געהט אַרויס. שושנה בעטראַכט דאָס בילד זעהר הייס, און זינגט):

פיל מיט שמערצען
איז מיין הערצען

קוקענדיג אויף דעם בילד .
איך ליעב איהם זעהר
וואס א מאהל מעהר
איך בין בענויא ווילד .

* *
*

אויף מיינעם שארבען
מיט גייסטליכע פארבען
איז דניאלס פאטרעט .
איהם אב צומעקען
טוה איך מיין האנד שטרעקען
ניין ! עס איז שוין צו שפעט .

* *
*

צו איך זאל וועלען
איהם אליין פארשטעלען
מיין פייערדיגען פערלאנג .
איך וועל פראבירען
אזויא זיך צו פירען
יא, עס האט א גאנג .

* *
*

(דיא דיענסט ברענגט אריין א האק מיט א האמער און געהט ארויס .
שושנה שטעלט זיך אויף א שטוהל און קלאפט אריין דעם האק אין דיא-
וואנד, און העננט אויף דעם פאטרעט מיט זעהר הייסע ליעבליכע קוש .
אין דעם קומט גראדע אריין דניאל, און בעטראכט דאס מיט א שמייכעלדיג-
געזיכט) .

גאט — זאגט דניאל — איז מיט חלקיהו'ס געעהרטע טאכטער !
וויא איז דער פאטער ? זאגען זיא איהם, דאס ער זאל ניכט פערגעסען צו
זיין אין פאלאסט בל אויף דעם זיבצונג. (זיא שפרינגט ארונטער פון שטוהל) .

דער פאטער — ענטפערט שושנה — קומט גלייך. פערנעמען זיא פלאטץ.

אבער ניכט לאנג — זאגט דניאל אונ זעצט זיך אנידער — איך האב מיך בעשטעלט מיט דעם קייזער צו פארען אין נייעם פעסטונג אריין.

וועלט בערוהמטער חכם! — פראגט שושנה בייסענדיג איהר פינגער אין מויל אלס שאנדע — ערקלעהרען זיא מיר שוואכע פרויליין, וואס פאר א ראטה, וואס פאר א מיטעל, האט די עהרליכע פראמע פרויליין, ווען עס האט כל צלונג אנגעהויבען צופלאקערען זעהר א פייערדיגע ליעבע אין איהר ריין עהרליך הארץ, צו אזויא אגרויסען וויכטיגען פערזאהן ויאס שטעהט אין אלע בעציהונגען פיעל העכער פאר איהר? (זיא ווישט מיט א טיכעל איהרע אויגען):

זעהר א שוועהרע פראגע — ענטפערט דניאל מיט א שמייכעלדיג געזיכט — אריין צו פאלען אין אזויא א אונבערעכענטע ליעבע, איז פיעל פיעל געפאהרליכער וויא ארייין צו פאלען אין א לייבענגרוב. אונזער קלוגער סאלאמאן האט שוין פעסט בעשטעטיגט, דאס פיעל וואסערען קאנען לייבער דיא ליעבע ניכט לעשען. פראגען זיא דאס ליעבער איהר הייליגען פאטער חלקיהו.

אבער דאך — פראגט שושנה — זאל דיא אונגליקליכע פרויליין גאנצליך פערברענט ווערען אין דעם גייסטליכען פייער?

דער הייליגער חלקיהו — ענטפערט דניאל — איז גאט זייא דאנק שוין דרייא מאהל אזויא אלט וויא איך, ער אלס פאטער וועט איהן זיכער געבען דעם בעסטען ראטה, צו פערלעשען דאס אומזאנסטע פייער.

גיין! — זאגט שושנה פערשטעלענדיג איהרע אויגען פון שאנדע — זיא, נאר זיא קאנען דיא שוואכע פרויליין רעטען פון דעם פייער, וואס גאט האט עס זעלבסט אנגעצינדען אין איהר עהרליך הארץ. איך, איך בין דיא אונגליקליכע פרויליין, וואס אייער שוינהייט, אונ אייער קלוגהייט האבען מיך זעהר בעצויבערט. איך האב . . .

גענוג — האקט דניאל איבער איהרע ווארטער — איך בין דאס אפט געוואהנט צו הערען פון דיא גרעסטע קייזערליכע טאכטער, וואס פערדונקעלן בענויא דיא שעהנסטע פלאנעטען מיט זייער שוינהייט. אבער ניין! דער גאט

פון מייַנע הייַליגע עלטערען, האָט מיך אויף דיא זינדיגע וועלט געשיקט, צו רעטען מייַנע יודישע ברודער, אויך צו רעטען אונזערע הייַליגע תורה, פון דיא געפאָהרליכע טהיערע. פון דיא בייַזע אַנטיסימיטישע שלאַנגען, וואָס ריינגלען זייַא אַרום פון אַלע זייַטען, אונ שטרעבען זייַא צו פערניכטען. מייַנע געדאַנקען ברויכען צו זיין אימער פרייַא, אונ ניכט האָבען דעם מינדעסטען לאַסט פון פרויא אונ קינדער, איך זאָל צו יעדע צייַט זיך קאָנען אָפּפערן אויף דעם געטליכען יודישען אַלטאַר. (עס קומט אַרייַן דער קייַזערליכער קאַמערדיענער).

געעהרטער גרויספירשט! — זאָגט דער קאַמערדיענער — דער קייַזער ערוואַרטעט אייך אין פּאַלאַסט.

אַדיע! — געזעגענד זיך דניאל — זאָגען זיא איהר פאַטער, ער זאָל זיין אויף דעם צוזאַמענקינפט. אַדיע (ער געהט צוזאַמען אַרוים מיט דעם קאַמערדיענער).

אַך גאָט! — שפּריכט שושנה — וויא שאַנדליך זעה איך יעצט אויס? וויא בעשמוצט איז יעצט מיין פּראַמער גלאַנץ געוואָרען אין דניאל'ס אויגען? ווען מייַנע הייַליגע עלטערען זאָלען פון דעם וויסען, וואָלטען זייַא אויף מיר זעהר אַ פייַערדיגען צאָרן אויסגעגאָסען. (זיא שטעהט אַ קורצע צייַט פערקלעהרט): אָבער ניין! וואָס פאַר אַ זינד האָב איך דען מיט דעם געטוהען? דעם קאָניג שאול'ס טאָכטער מיכל, האָט זיך אויך ניכט געשעהמט צו זאָגען דעם הייַליגען דוד דאָס זיא ליעבט איהם. (יהוידע קומט אַרייַן).

גאָט איז מיט אייך! — זאָגט יהוידע — דער חתן יהויקים געהט שוין מיט מזל אַהער. איך בעט דיך זעהר געעהרטע פרייַלין, דיא זאָלסט ניכט זיין וויא דער נאַרישער הונד, וואָס שווימענדיג אין טייַך מיט אַ קעז אין מויל, האָט ער דערזעהען וויא דער זעלבער קעז שפּיגעלט אָב נאָך אַ קעז, האָט ער אַרויסגעלאָסט זיין ריכטיגען קעז, אונ איז געגאַנגען חאַפּען דעם פאַלשען קעז, אונ איז געבליבען בייַא גאָרניכט.

איהר — צאָרנט שושנה — פערגלייַכט מיך צו אַ הונד? (זיא געהט אַרוים זעהר בייז אונ קלאַפּט האַסטיג צו דיא טהיר).

דאָס פינסטערע געלד — שפּרעכט יהוידע — דיא גאָלדענע אונ זילבערנע מאָנעטען, פועלען בייַא דעם זינדיגען מענשען אַלעס. צו ליעב געלד

האָב איך יהוידע כּורת־בּרית געװעזען מיט דעם פערשטעלטען מערדער יְהוֹיָקִים, צו שפּיעלען מיט איהם אַלע זײַנע בּאַרבּאַרישע ראָליעס. ער האָט זיך אַנפאַנגס גערופען אֱלִיאָב, אונ האָט געהײַראַט מיט דיא אונגליקליכע פרויא דלילה. ער האָט בײַא איהר צוגענומען איהר גאַנץ פערמעגען. איהרע ברלאַנטען האָט ער אויסגעטױשט מיט פאַלשע שטײנער. אונ האָט איהר געשיקט זאָגען, דאָס דיא װילדע טהיערע האָבען איהם אין װאַלד אויפגעפרעסען. יעצט האָט ער זיך פערשטעלט אין אַנדערע קלײדער. פערקורצט זײַן לאַנגליך בּערדיל. אונ זיך אַ פרישען נאָהמען געגעבּען יהויקים. אונ װיא ער װעט נאָר הײַראַטען מיט דיא בּערוהמטע שושנה, װעט ער איהר גרויס פערמעגען אויך צונעמען, אונ מאַכען מיט איהר דאָס זעלבּע װאָס ער האָט מיט דלילה'ן געמאַכט, צו אַזאָלכע בּלוטיגע קאָמעדיעס איז ער זעהר אַגרויסער קונסטלער. אונ איך יהוידע, אויבּוואָהל עס איז מיר זעהר ניכט ליעב צו נעמען אַ אַנטהײל אין דעם, נור װאָס קאָן איך לײדער טוהען, װען דאָס אָרעמקײט בּרענט זעהר שרעקליך אין מײַן שטוב, אונ מײַן אֲרוּרָה פערבּיטערט מיר טאָג אונ נאַכט מײַן לעבען? יהויקים האָט מיר פאַר דיא יעצטיגע סצענע פערשפּראָכען פינפהונדערט טאָהלער. אַזױא אַ סומע געלד. שפּיעלט בײַא אַזױא אַ קַבְּצָן װיא איך, זעהר אַגרויסע ראָליע. מײַנע אָרמע קינדער געהען אַרום בּאָרפיס אונ נאַקעט. זײַערע מעגעלעך זענען אויסגעדאַרט פון הונגער. אונ אַזױא װיא איך װעל ערהאַלטען דיא קלינגערס װעל איך... (אין מיטען קומט אַרײַן חלקיהו, הדסה, אונ שושנה).

זעהט נור — זאָגט חלקיהו — יהוידע איז דאָך שוין דאָ.

דער חָתָן יהויקים — זאָגט יהוידע — קומט גלײַך אַהער.

עס פרײדט אונז זעהר — ענטפערט חלקיהו — זעצט אײך. (זײַא זעטצען זיך אַלע צום טיש).

װאָס — ערצעהלט יהוידע — זאָל איך אײך זאָגען? װאָס אַ שָׁעָה שפּעטער דערגעה איך מעהר מַעֲלוֹת אויף דעם טהײַערן חָתָן. איך האָב שוין אײך געזאָגט, דאָס פון פאָטערס זײַט קומט ער אַרויס פון הײליגען דוד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם. אונ יעצט בּין איך דערגאַנגען, דאָס פון מוטערס זײַט קומט ער אַרויס פון עֵלִי הַכֹּהֵן. אַ קלײניגקײט װאָס אַזױא אַ יַחֲסָן איז װערטה. שטעלט אײך פאָר, װען דאָס יודישע קאָניגרײַך װערט צוריק בּעגײַט, װאָלט דער יהויקים געװאָרען קאָניג, װײַל ער איז דאָך פון דוד הַמֶּלֶךְ'ס פאַמיליע.

עס וואונדערט מיך זעהר — זאָגט חלקיהו — וואָס אין גאַנץ בָּבֶל איז דיא געצייכענטע פאַמיליע גאָרניכט בעקאַנט ?

עס איז קיין וואונדער ניכט — ענטפערט יהוידע — זיינע היילינע עלטערען זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ, זעגען נִסְתַּלֵק געוואָרען אין אֶרֶץ־ישראל, אין זענען געוועזען מִן הָרוֹאִים וְאֵינָם נִרְאִים. (עס עפענט זיך דיא טהיר) : דער חתן זאָל־לעבען געהט. (יהויקים קומט אַריין זעהר אָרטאָדאָקסיש געקליידעט, מיט זעהר אַ שיין גְנֵבָה'ש שמייכעלע אויף זיין פָּנִים).

גאָט איז מיט אייך ! — זאָגט יהויקים — מיין נאָהמען איז יהויקים.

גליקליך — ענטפערט חלקיהו — זאָל זיין אייער קומען. זעצט אייך יהויקים אויף מיין אָרט.

חַם וְשָׁלוֹם ! — זאָגט יהויקים — זיצט איהר אויף אייער אָרט מְתוּשֶׁלַח'ס יאָהרען,

זעצט אייך — זאָגט יהוידע — אויף מיין אָרט. (יהויקים זעצט זיך נעבען חלקיהו'ן. ער דערזעהט דניאל'ס בילד אויף דיא וואַנד).

איך — ערצעהלט יהויקים — האָב אויך בעשטעלט ביי אַגרויסען מאַהלער דאָס זעלבע בילד.

איהר ווייסט — ערצעהלט חלקיהו — אונזערע גייסטליכע האָבען שוין פעסט בעשטעטיגט, מען זאָל דעם זעלבען דניאל'ס וואונדערליכע ביאָגראַפיע אַריין־נעמען אין אונזער הייליגען ביבעל.

זעהר גלייך — ענטפערט יהויקים — מען ברויך דאָס בעשרייבען מיט גרויסע גאָלדענע בוכשטאַבען.

געסטערן — ערצעהלט שושנה — האָט ער דאָ ביי אונז אויך געצייגט זיינע גאָטליכע חָכְמָה. דיא אונגליקליכע יונגע עֲגוּנָה דלילה (יהויקים לאָסט אַרונטער זיינע אויגען), וואָס דיא ווילדע טהיערע האָבען איהר מאַן אֱלִיאָב אין וואַלד אויפגעפרעסען, האָט צו אונז אַהער געבראַכט איהר מאַנס פערבלוטיגטע מיטץ. אונ וויא דניאל האָט דיא מיטץ בעטראַכט, האָט ער גלייך דערקאַנט, דאָס דלילה האָט עס פלייסיג בעשמירט מיט הינערבלוט, מען זאָל זיא דורך דעם בעפרייען פון נאָהמען עֲגוּנָה.

אַזוי אַ אונפערשעהמטע פרויא — זאָגט יהויקים זעהר קאַלטבלוטיג — קומט גלייך צו פערברענען.

דניאל — ערצעהלט הדסה — האָט זיא גלייך הערטיערט. נור איך מיט מיינע טאָכטער זאָל לעבען, האָבען זיא קוים בעפרייט. מיר האָבען אויף איהר גרוים מיטלייד. זיא איז נעבאַך פיעל אונגליקליכער אויף דיא וועלט וויא דער פערצווייטעלטשטען איוב. קיין מאַן, קיין געלד. אויך קיין גוטען האָפנונג. דניאל זאָגט דאָס איהר מאַן לעבט. געוואַלד! ווען איך זאָל דעם מערדער זעהען, וואָלט איך זיין טרפה'נעם קערפער פאַר דיא הונד צושניטען.

איך — זאָגט שושנה — וואָלט דעם מערדער געהייסען אויסשמירען מיט שוועפעל אונ פעך, אונ איהם אונטערצינדען.

אונ איך — ענטפערט יהוידע — וואָלט איהם געהייסען אויסשמידען מיט דעם טהייערסטען האָניג, אונ דלילה זאָל איהם אַ גאַנצען טאָג לעקען. גענוג שוין פון דעם צו ריידען. מיר האָבען יעצט פון עטוואָס וויכטיגעם צו ריידען. (הדסה רופט אַוועג שושנה'ן פון טיש, אונ זייא שפּרעכען צווישען זיך זעהר שטיל).

געעהרטער חלקיהו! — זאָגט יהויקים — יהוידע האָט מיר געזאָגט דאָס איהר גיבט אייערע טאָכטער צוואַנציגטויזענד טאַהלער נדן.

ריכטיג — ענטפערט חלקיהו — אויך זעהר אַ טהייער וואָהנונג אין מיין אייגען הויז. (הדסה מיט שושנה'ן זעטצען זיך צוריק צום טיש).

איך — זאָגט הדסה -- וועל אַריינבּרענגען וויין.

גאָט זאָל היטען! — ענטפערט יהויקים — אַ צו טהייערע בעדינען.

עס מאַכט ניכט אוים — זאָגט הדסה — פאַר איין איינציג קינד מוז דיא מוטער אַלעס טוהען. (זי געהט אַרוים).

דיא הייליגע תּוֹרָה ערצעהלט — זאָגט חלקיהו —דאָס מען פראָגט די פריילין אויב דער חָתָן געפעלט איהר. שושנה! שעהם זיך ניכט אונ זאָג אונז דיין מיינונג.

שעהם זיך ניכט — שפּאַסט יהוידע — מיין אֲרוּרָה האָט זיך אויך ניכט געשעהמט.

איך ענטפערט שושנה — האָב שוין מײַן מײנונג איבערגעגעבען די ליעבע מוטער זאָל לעבען. (הדסה קומט אַרײַן, אונ איהרע דינערען טראָגט צו אַ טהײַערע טאַץ מיט פינף גלעזער ווײַן).

הדסה! — פראָגט חלקיהו — שושנה האָט דיר שוין איבערגעגעבען איהר מײַנונג?

מזל־טוב! — ענטפערט הדסה זעהר לוסטיג — עס זאָל זײַן מיט גרויס גליק. (זײַ געבען זיך די האַנד, אונ װאונשען זיך גליק).

ליעבער יהויקים! — זאָגט יהוידע — נעמט אײער רינגעל אונ זײַט מקדש אין אַ מזלדיגע שעה. (אַלע שטעלען זיך אויף. יהויקים נעמט אַרויס פון טאַש אַ גאָלדען רינגעל, אונ טוהט עס זעהר דרײַסט אָן אויף שושנה'ס פינגער זאָגענדיג: „הֲרֵי אַתְּ מְקֻדֶּשֶׁת לִי בְּטַבַּעַת זוּ כְּדַת מֹשֶׁה וְיִשְׂרָאֵל“. זײַא צוקושען זיך זעהר פרײַליך אונ װאונשען זיך מזל־טוב. זײַא זעטצען זיך צוריק צום טיש אונ טרונקען דעם ווײַן).

ווען — פראָגט הדסה — זאָל זײַן מיט מזל די חופה?

מאָרגען — ענטפערט יהוידע — קדושין אָהן אַ חופה איז גראַדע וויא אַ שדכן אָהן שדכנות־געלד.

נײַן — זאָגט חלקיהו — מאָרגען איז צו פריא. איך האָב דאָך ניכט מעהר וויא דאָס אײנציגע קינד זאָל לעבען. איך וויל מאַכען זעהר אַ שײנע האָכצײַט, אונ פערבעטען די שענסטע יודען פון בבל, אויך דער יודישער גרויספירשט דניאל ווערט זײַן. פאַר וואָס דען ניכט? זאָלען מיך מײַנע גוטע פרײַנד בענשען, איך זאָל פון מײַן אײנציג קינד נחת האָבען. נור אײער שדכנות־געלד קאָן איך אײך שוין מסלק זײַן. וויפיל קומט אײך ליעבער יהוידע?

מיר — ענטפערט יהוידע — קומט זעקסהונדערט אײנאונזעבציג טאַהלער, וויפיל די בוכשטאַבען שושנ"ה בעטרעפען.

פילײַכט — פראָגט חלקיהו — הונדערטאײנאונאַכציג, וויפיל די זיבען בוכשטאַבען יהויקי"ם בעטרעפען? (חלקיהו צײַלט איהם אויף געלד): דאָ האָט איהר דרײַהונדערט טאַהלער פאַר אײער שדכנות. בעזאָנדער בענש איך אײך איהר זאָלט האָבען גליק מיט דעם געלד. (די בעדינערן ברענגט אַרײַן צווײַא פלאַשען ווײַן).

איך — זאָגט יהוידע — דאַנק אייך זעהר, אייער בְּרָכָה איז בײַא מיר מעהר ווערטה פאַר דעם געלד. פון גרויס שִׂמְחָה טרונק איך אויס אַ גאַנצע פלאַש וויין. (ער נעמט אַפלאַש וויין אונ טרונקט זיא מיט גרויס קוראַש, ביז ער ווערט פערזויפען, אונ הייבט אָן צו זינגען):

דער פיקס איז דיא קלוגסטע טהיער
אַמאָהל ביקט זיך צו איהם דער לייב.
זיין פאַלשקייט איז אָהן אַ שִׁעוּר
אפילו געגען זיין איינען ווייב.

* *
*

פון רַחֲמָנוּת וויל ער ניכט וויסען
עס גיבט ניכט אַזויא אַ עגאָאיסט.
טייבען בלוט זאָלען זיך גיסען
איז דעם פיקס גרעסטער לוסט.

* *
*

קונסטליך טוהט ער זיך פערשטעלען
אין אַ שעפסעלעס עדלע געשטאַלט.
וויא קונסטליך טוהט ער טרעלען
פון אַלע בעשעפעניסען אין וואַלד.

* *
*

פאַר דעם אֱמֶת האָט ער קיין שרעק
אָהן שֶׁקֶר געהט ער ניכט קיין טריט.
נור דער שווינדעל איז זיין צוועק
וויא וויין טרונקט ער מענשענבלוט.

* *
*

יהוידע! — פראָגט חלקיהו — וויא קומט דאָס ליעד דאָ אַהער? ווער איז דאָס דער פאַלשער פיקס?

וואָס ער פּלאָדערט — ענטפערט יהייקים קאַלטבלוטיג — יהודע ! זינגט בעסער דיא היילינע גאָטליבע ווערטער, וואָס מיין הייליגער עלטער־זיידע דוד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, האָט מיט רוח הקודש געשריבען אין זיין הייליגען תְּהִלִּים.

איהר האָט רעכט — זאָגט יהודע און זינגט — „דִּמְיֹנוֹ כְּאַרְיֵה יִכְסוֹף לִטְרֹף וְכִכְפִיר יֹשֵׁב בְּמִסְתָּרִים" (תהלים י"ז י"ב).

שושנה ! — פראָגט הדסה — דיא פערשטעהסט דיא העבּרעאישע ווערטער ?

געוויס — ענטפערט שושנה — איך קען עס דיר איבערזעצען : „ער איז גלייך צו א לייב וואָס האָט לוסט צו רויבען, און וויא א יונגער לייב וואָס זיצט אין פערבאָרגענע אָרטער".

זעהר ריכטיג איבערזעצט — זאָגט חלקיהו — נור וויא קומען דיא ווערטער דאָ אהער ? (דלילה קומט פּלוצלונג אריין פערבראָכען אידרע האַנד. יהויקים ווערט זעהר דערשראָקען).

איך — זאָגט דלילה — בעט אייך זעהר איבער. איר הייליגער חלקיהו האָט מיר דאָך ערלויבט אריינצוקומען אפילו אין דיא האַלבע נאַכט.

זעהר גוט — ענטפערט חלקיהו — וואָס איז דען אייך נייעס פּאָרגעפאַלען ?

איך — זאָגט דלילה — וויל אייך פראַגען, צו איך זאָל געהן פראַגען דיא קייזערליכע שטערענזעהערס, וואָס איז מיט מיין זעליגען מאַן געשעהען ?

גאָט זאָל היטען ! — ענטפערט חלקיהו — אונזער גלויבען ערלויבט דאָס ניכט.

פערשטעלט אַלע וועגען — בּיטערט דלילה קוקענדיג אויף יהויקים — אָה וועה ! מיין זעליגער מאַן האָט גראַדע אויסגעזעהען וויא דער יונגערמאַן איהם צו לענגערע יאָהר.

גראַדע וויא מיין עלטערזיידענס קאָזשאַל — שפּאַסט יהודע — דיא יעצטיגע צייט ברויכען מיר צו האָבען אויף וויכטיגערע זאַכען. אַדיע.

איך געה שוין — ענטפערט דלילה — פיליייכט האָט דיא טהייערע מאַראָם פאַר מיר אַ שטעלע אַלס דיענסט אין אַ עדעל יודיש הויז ? וואָס קאָן איך נעבּאַך טוהען, ווען מיט מיין מאַנס טויט איז מיין גאַנץ פערמעגען מיט געשטאָרבּען, אונ האָבּ ניכט מיט וואָס דעם טאָג איבּערצולעבּען ? (יהויקים האַלט אַראָבּ זיין קאָפּף, אונ בּייסט זיין נאָגעל פון פינגער מיט זיין מויל).

דיא וואָך — זאָגט הדסה — וועט איהר האָבּען זעהר אַ גוטע שטעלע בּייא מיינע איינענע טאָכטער זאָל געזונד זיין. אין איינינע טאָג אַרום איז איהר חופּה.

עס זאָל זיין מיט גרוים מַזָל — ענטפערט דלילה — איך זאָל שוין מיט מיין צַער אָבּקומען פאַר איך אַלע. טהייערע שושנה! איהר וועט פון מיר זעהר צופריעדען זיין. איך בּין בּעוואוסט פאַר אַגרויסע מְלוּמֶדֶת. מיינע רייכע זעעליגע עלטערען האָבּען פאַר מיינע לעהרע זעהר פיעל געלד בּעצאָהלט.

עס איז ניכט ריכטיג — זאָגט יהודית — דיא הייליגע תּוֹרָה שרייבּט, דאָס מען זאָל יעדען יונגענמאַן בּעפרייען אַ גאַנץ יאָהר נאָך זיין האָכצייט פון דיא מִלְחָמָה, ער זאָל זיך קאָנען פרייען מיט זיין ווייבּ. אונ איהר געהט זייא גלייך נאָך דיא האָכצייט אַ בּעקלאָגטע עֲגוּנָה אַרייננעבּען ? ניין! איך האָבּ אַ בּעסערן פלאַן. איך וועל מיין ווייבּ אַריינגעבּען צו איך, אונ דיא עֲגוּנָה וועל איך אַריננעמען צו מיר.

גענוג — ענטפערט חלקיהו — וויא קאָן מען זיך ערלויבּען צו לאַכען פון אַזויא אַ אונגליקליכע פערפינסטערטע פרויא ?

וואָס — בּיטערט דלילה — קאָן איך לייִדער טוהען, ווען גאָט האָט מיך נעבּאַך אַזויא געשטראָפט ?

זייט זיכער — טרייסט זיא חלקיהו — דאָס מיינע פרויא וועט שוין פאַר איך זוכען אַ גוטע שטעלע. (ער נעמט אַרויס געלד פון טאַש): דאָ האָט איהר איין טאָהלער, אונ געהט מיט גאָטעס נאָהמען.

איך דאַנקע — זאָגט דלילה — אייערע טאָכטער זאָל פון מיין בּיטערן טַעַם ניכט וויסען. (זיא בּליקט אויף יהויקים): אַך! דיא זעלבּע שיינע צוּרָה פון מיין גאָטזעעליגען מאַן. (זיא געהט אַרויס).

אַקוראַט — שפּאַסט יהודית — איהר קאָפּף זאָל איהר אַזויא אויף דעם קאַ־ק שטעהן. בָּרוּךְ שֶׁפְּטָרַנִי. (עס קומט אַריין יהודית'ס פרויא נַשְׁתִּי.

אַ אַלטע פּערמאַטערטע יודענע אין אָרעמע צורִיסענע קליידער. הונקענדיג אויף אַ פוס. פערבונדען דיא ציין מיט אַ רויטע שטוטציגע פערטשיילע).

וועלכע שוואַרץ יאָהר — שרייט יהודע אונ טיפּעט שרעקליך מיט דיא פוס — האָבען דיך דאָ אַהער געבראַכט? צו איך בין אַ גראַף דאָס מיין הונד לויפט מיר נאָך? נאַרישער קאָפּף! וואָס האָסט דיא היינט אָנגעטוהען דיינע יום־טוב־דיגע קליידער?

דיא אַלטער נואף! — שרייט וַשְׁתִּי נאָך העכער — דיא ווערסט גאַנצע צוויי טאָג ניכט אַהיים קומען? דיא ווערסט אין דיין חוֹמֶר אַריינגיסען גאַנצע פלעשער ווין, אונ מיך מיט דיא קינדער ווערסט דיא לאָזען פון הונגער אויסגעהן? דיא ווערסט אַרומגעהן הולטאַיען, אונ מיך מיט דיא קינדערליך זעסט דיא איבערלאָזען וויא דיא קאַטשקעס אין נוזשניק. וויא דיא קאָזעס אויף דעם בוידעם. וויא דיא מייז אין דיא קלאַטקע. וויא דיא וואַנצען אין איבערבעט. וויא דיא...

געגוג שוין אַלטע מְכַשֵּׁפָה! — שרייט יהודע — געגוג שוין משוגענע קאַטץ מיט דיינע זאָלאָגישע וויסענשאַפטען.

געדענק אַלטער נואף — ענטפערט וַשְׁתִּי ציילענדיג איהר פינגער — געדענק דיא ווערסט שוין ביי מיר סטענקען וויא אַ מענדאַק ביי דיא קוה. וויא דער קוטער ביי דיא קאַטץ. וויא דאָס פערד ביי דיא קאָבעלע. איך וועל דיך אַנידער שטעלען צווישען דיא שענסטע מענשען וויא אַ טאָטער אין שוויצבאָד.

אֲרוּרָה! — שרייט יהודע זעהר שרעקליך — ווער שוין שטום. וַשְׁתִּי! געדענק, פערשליס דיין קאַנאַליזאַציע. פערשטעהר ניכט אונזער שִׂמְחָה.

וואָס — פראַגט וַשְׁתִּי — פאַר אַ שוואַ־צע שִׂמְחָה אויף דיין קאָפּף? אַדְּרַבָּה, זאָלען דיא מענשען צו מיר אַהיים געהן, וועל איך זייא ווייזען, וויא מיינע אָרמע שוואַלבען ליגען נעבאַך טויט הונגעריג.

וַשְׁתִּי! — ענטפערט יהודע אַרויסנעמענדיג געלד פון טאַש — דאָ האָסט דיא מיט איינמאָהל אַ גאַנצען זילבערנעם טאָהלער, אונ געה קויף דיר פינף פלאַשען ווין. זעקס גרויסע צוקערטאָרטען. אַ האַלב שאָק אַנאַנאַסען. אונ פאַר דיא רעשט זאָלסט דיא אָבקויפען דְרֵיְוֶשְׁ'נס קייזערליכע ווינטערפּאַלאַסט. נאָר געדענק וַשְׁתִּי דיא זאָלסט דיך ניכט אָבנאַרען.

חאַ־חעֶ־חאַ ! — לאַכט וַשְׁתִּי — וואָס ער הייסט מיך אַלעס קויפען פאַר איין טאָהלער ? (ער דערלאַנגט איהר דעם טאָהלער אונ חאַפּט איהם צוריק איינינעֶ מאָהל, זיא ווערט זעהר אויפגערעגט) : מאַך שוין מיט מיר אַ סוף.

אָמֵן ! — ענטפערט יהוידע — בְּקָרוֹב זאָל איך שוין מיט דיר אַ שוואַרצען סוף מאַכען. אָ־מֵן. ואָ־מֵן.

איך — זאָגט וַשְׁתִּי — זאָל מיט דיר אַ שוואַרצען סוף מאַכען. דרייצעהן מאָהל אָמֵן.

איך — ענטפערט יהוידע — מיט דיר, טויזענד מאָהל אָמֵן.

ניין — שרייט וַשְׁתִּי — איך מיט דיר. אַ קרענק דיר. אַ מַכָּה דיר, דיר, דיר, אונ נור דיר.

דֶרֶךְ־אֶרֶץ ! — שרייט יהוידע — אַהיים אֲרוּרָה ! ארויס דיא געדראָטע־ ווּעטער צובראָכענע קוגעלשאַרבען.

וויל איך ניכט — ענטפערט וַשְׁתִּי — דיא מיינסט אַז איך האָב טאַקע מורא פאַר דיינע אָנגעשכּורטע סטאַמבולקע ?

האַלסט דאָס מויל ? — שטאָרמט יהוידע — אַרויס נאַרישׁ קאָבּעלע. (ער חאַפּט זיא אָן, אונ שלעפט זיא צו דיא טהיר. זיא קרוכט איהם מיט איהרע נעגעל אין פְּנִים אַריין. ער וואַרפט איהר אַרונטער איהרע קאָפּקע פון קאָפּף. זיא מריטשעט וויא אַ קוה, אונ פאַלט אויף דיא ערד חַלָשׁוּת. עס ווערט אַ מְהוּמָה אין שטוב. ז׳לע לויפען צו זעהר צוקאָכט, אונ מען רייסט איהם פון איהר אַוועק. הדסה אונ שושנה הייבען זיא אָן צו מינטערן. דיא פאָרהאַנג פאַלט).

דריטער אַקט.

(אין זעהר אַ שיינע רייכע זאַאל, זיצט דיא שיינע שושנה אַלס פרויא מיט איהר מאַן יהויקים, אונ טרונקען צוזאַמען מילך מיט קוכען ביים דעם טיש. דיא אונגליקליכע עגונה דלילה האַלט אַ בירשט אין האַנד אונ ענדיגט איהר ריינינגען דאָס מעבעל. זיא נעמט דיא לעהרע גלעזער פון טיש, אונ געהט מיט זייא אַרויס).

נײן ווייבעלע — זאָגט יהויקים — ווען דיא ווילסט ביי מיר וויסען פון אַ גוט רוהיג לעבען, זאָלסט דיא קוקען אויף מיין מויל גראַדע וויא דער כהן גדול האָט געקוקט אויף דעם הייליגען אורים ותומים, מיין מינדעסט וואָרט זאָל ביי דיר זיין הייליג נאָך מעהר וויא תורת־משה. ווען איך וועל זאָגען אויף טאָג אַז עס איז נאַכט, זאָלסט דוא דיך גלייך לייגען אין בעט אַריין אונ זאָגען המפיל, אויבוואָהל דיא זאָנן שטראַהלט אין דיינע אויגען אַריין. אָבער ווען דיא ווילסט מיט מיר אַנדערש פירען, בין איך געצוואונגען מקיים צו זיין וויא אונזער׳ע הייליגע תורה הייסט: „והוא ימשל בך“. דער מאַן זאָל הערשען מיט דיא פרויא. דאָס הייסט, ווען עס העלפט ניכט מיט גוטען זאָל ער מיט איהר געהן טיראַניש. יעדער פורמאַן וויל ניכט שלאָגען זיין פערדעל, נאָר וואָס זאָל ער טוהען, ווען עס וויל איהם ניכט זיין געהאָרכזאַם?

יהויקים! — ענטפערט שושנה — אַ שיינעם הספד מאַכסט דיא מיר. דעם דריטען טאָג נאָך אונזערע האָכצייט, געהסט דיא מיר שוין אָנטוהען אַ שקלאַפּישע צוים אויף מיין מויל? דיא מיינסט, דאָס ווען דיא האָסט שוין מיינע צוואַנציג טויזענד טאַהלער אין דיין טאַש, קאָנסט דיא מיך שוין האַלטען וויא דאָס אונגליקליכע פערדעל אין פורמאַנס שלעכטע האַנד? צו האָב איך דיר דען דאָס מינדעסטע שלעכטע וואָרט געזאָגט, וואָס דיא וואַרפסט אויף מיר אַזויא אַ גרויסע מאָראַלישע שרעק?

זאָג מיר — פראָגט יהויקים זעהר צאָרענדיג — צו דיא האָסט ניכט אַליין געהערט וויא דיין פאָטער האָט יהוידע׳ן גערעכט געגעבען, מען זאָל דיא עגונה דלילה ניכט אַריינעמען צו מיר? צום סוף האָסט דיא מיך גאָר ניכט געפראָגט, אונ האָסט דעם ביטערען קוואַל מיט קרעכצען יאָ אַריינ־

גענומען ? צו וואָס זאָל מיין ווייך גוט האַרץ ליידען אַ פרעמדע אונבעקאַנטע פרוים צָרות ? צו דיא ווייסט דען ניכט, דאָס יעדער הייסער יוד וואָס וויל זיך פירען גאָטליך אַזויא וויא דיין אייגענער פאָטער פיערט זיך, ברויך אימער האָבען פריילִיכע געדאַנקען ?

דלילה — פערטיידיגט זיך שושנה — האָט מיר זעהר הייליג צוגעשוואָהרען, דאָס זיא וועט בייא מיר אין וואָהנונג דעם מינדעסטען קראַבץ ניכט געבען. גלייב מיר, דאָס איך האָב אין איהר אַ נייע נְשָׁמָה אַריינגעזעצט מיט דעם וואָס איך האָב זיא צוגענומען. פון גרויס שִׂמְחָה האָט זיא מיר מיינע פוס געקושט. בערעכען דיך נאָר וואָס פאַר אַגרויסע מִצְוָה איך האָב מיט דעם געטוהען. (יהודע קומט אַריין).

אַ גוטען מאָרגען דעם יונגען פּאָרפאָלק! — זאָגט יהודע — איך וואונש אייך ביידע גליק, געזונד, קינדערלעך, אין אייער אייגען וואָהנונג. דער גאָרטען פאַר אייערע פענסטער, זעהט אין מיינע אויגען אויס וויא דער ריכטיגער גַן־עֵדֶן, אונ איהר ביידע וויא אָדָם וְחַוָּה.

אונ איהר — שפּאַסט שושנה — וויא דער פערצייטישער שלאַנג. זעצט אייך יהודע. וואָס מאַכט אייערע פרוי נַשְׁתִּי ?

אייערע כַּפָּרָה איז זיא — ענטפערט יהודע — זיא נייט זיך יעצט איהרע ווייסע תַּכְרִיכִים. אַזויא וויא זיא האָט זיך מיט מיר געגט, מאַכט זיא זיך אַ אויסשטייער צו הייראַטען מיט דעם מַלְאַךְ־הַמָּוֶת. (דלילה קומט אַריין).

מאַדאַם! — זאָגט דלילה — דיא שניידערן האָט אָבגעשיקט דעם שלאַפראָק.

איך געה שוין — ענטפערט שושנה — ביטע פערצייהונג. (זיא געהט אַרויס מיט דלילה'ן).

יהודע! — פראָגט יהויקים — וואָס זאָגט איהר צו מיין אונגליק ? מיין ווייב האָט דאָך אַריינגענומען דליל'ן אַלס דינערן. איך געה בענויא אַרום צומישט מיט מיינע געדאַנקען. וויא קאָן איך מיך אַזויא לאַנג פערשטעלען פאַר איהר ? יעדעס מאָהל וואָס דלילה וואַרפט אַ בליק אויף מיר, הייבט מיין האַרץ אָן גלייך צוקלאַפּען צו שרעקען, פיליייכט וועט זיא מיך יעצט דערקאָנען ? פיליייכט האָב איך מיך ניכט גוט פערשטעלט ?

ביטער וויא אָקסענגאל — ענטפערט יהודיע — דאָס הייסט יאָ וויא דער יודישער עולם זאָגט: א ראַק אין בויך. יהויקים! ווען איהר וועט ניכט זעהען אַרויס צו פּטרן דיא אויסגעהונגערטע קאַטץ פון שטוב, וועט זיא אייך זיבער אייערע ביידע אויגען אויסדראַפּען.

יהודיע! — פראָגט יהויקים — פילייכט זאָלען מיר זיא פערגיפטען? דיא וועלט וועט זאָגען, דאָס זיא האָט זיך אַליין דאָס לעבען גענומען, ווייל זיא האָט ניכט געזעהען קיין האָפנונג בעפרייט צו ווערען פון דיא עגונה'שע קייטען?

אזויא פיעל מערדער — ענטפערט יהודיע — ווילט איהר זיין? עס איז אייך נאָך ווייניג, וואָס איהר האָט איהר גאַנץ פערמעגען אַוועגגערויבט, אונ זיא אַזויא שרעקליך פעראונגליקט, דאָס דיא ביטע'ע נויט האָט זיא שוין געצווינגען צו ווערען א בילינע דינסט, יעצט האָט איהר אויף איהרע נשמה אויך גרויסע אויגען?

אַדרבה — זאָגט יהויקים — גיבט איהר א אַנדערע עצה איך זאָל חלילה ניכט פערשעהמט ווערען. איהר האָט דאָך אויך געהערט וויא דלילה זאָגט דאָס איך זעה גראַדע אויס וויא איהר זעליגער מאַן. ווען זיא וועט זיין מיט מיר צוזאַמען אין שטוב, קאָנען מיר ביידע זעהר מאוס אַריינפאַלען.

אָבער אַריינפאַלען — ענטפערט יהודיע — ערגער וויא אין בלאָטע אַריין. יהויקים! איך האָב צו דעם אויך אַ עצה. מיין קאָפּף זאָל מיר אַזויא לעבען. נור זייט אַזויא גוט אונ בעצאָהלט מיר פריהער מיינע עהרליכע פינפהונדערט טאָהלער שדכנות-געלד, אַזויא וויא איהר האָט מיר אַליין צוגע-זאָגט. איהר האָט דאָך שוין דיא צוואַנציגטויזענד טאָהלער גענומען פון חלקיהו'ן.

איהר — זאָגט יהויקים — האָט דאָך שוין גענומען פון חלקיהו'ן אַ קאַנטע דרייהונדערט טאָהלער?

ניו ניו! — ענטפערט יהודיע לייגענדיג זיין פינגער אויף דיא נאָז — געגען מיר זאָלט איהר יהויקים-לעבען ניכט בענוטצען אייערע שווינדלערייען. ווען איך זאָל וועלען, בין איך יעצט אין איין אויגענבליק, וויא שושנה האָט געזאָגט, דער פערצייטישער שלאַנג. בערעבענט אייך וואָס פאַר אַ געפאָהר-ליכען גיפט איך קאָן אויף אייך וואַרפען.

בערוהיגט אייך — זאָגט יהויקים — איך גיב אייך שוין דיא פינפהונדערט טאָהלער. נייִן יהוידע! אונזער פריינדשאַפט איז אויף עוויג, אַזויא וויא מיר האָבען צווישען זיך כורת־ברית געוועזען. זעהט דער שטן זאָל זיך צווישען אונז ניכט אריינמישען.

שיין כורת־ברית געוועזען — ענטפערט יהוידע — איהר זאָלט אייך יעדעם מאָהל אָנפּרעסען מיט פרישע פּרות פון עץ הדעת. יעדעס מאָהל בעקומען קרח'ס אוצר, און איך זאָל לעקען דיא מאָגערע ביינדעלעך אונטער אייער טיש? סדום'ס יושר!

איך — זאָגט יהויקים — וועל אייערע פינפהונדערט טאָהלער ניכט צו חאַפּען. איהר קאָנט זעהר רוהיג שלאָפען.

איך — זאָגט יהוידע — וויל יעצט אָנהייבען אויף צו זיין. איך מוס יעצט דאָס געלד האָבען. איך וויל אויך חתונה האָבען. איהר פערשטעהט?

וואָס הייסט דאָס? — פערוואונדערט זיך יהויקים — ושתי איז דען געשטאָרבען?

דלילה איז דען געשטאָרבען? — פראָגט יהוידע — איך האָב יעצט דאָס ערשטע מאָהל פּראָבירט אייך נאָך צו טוהען. איך האָב מיין ושתי'ן איינגערעדט, דאָס מיר זאָלען זיך גטין, און איך וועל פון אַ פריילייִן אויס־נאַרען איהר נדן, און צוריק מיט דיא אַלטע שקאַפּע הייראַטען. דער אַלטער גולם האָט דאָס מיר געגלייבט, און האָט בייא מיר צוגענומען אַ גט. איך האָב טאַקע יעצט זעהר אַ גוטען שדוך געטוהען, מיט זעהר אַ שיין קלוג מיידעלע, נור זיא איז נעבאַך אָרם, איך מוס איהר דעם גאַנצען אויסשטייער מאַכען. מוס איך דאָך האָבען דיא קלינגערס. יהויקים! שנעל! איידער זיא קרוגט חרטה.

יהוידע! — פראָגט יהויקים — און נאָכדעם וועט איהר צוריק הייראַטען מיט אייערע ושתי?

חאַ־חאַ־חאַ! — לאַכט יהוידע — איהר האַלט מיך פאַר אַ משוגענעם? אויך ווייסט איהר דאָך דאָס איך בין אַ כהן, און אַ כהן קאָן מיט אַ גרושה ניכט הייראַטען.

און ושתי — פראָגט יהויקים — וועט אייך דען דאָס פערצייִגען?

וואָס — עֶנטפֶערט יהוידע — קאָן זִיא דעֶן מִיר טהוּעֶן? זִיא צִיטעֶרט פאַר־מײַן שטעֶקין וויִא פאַר דעֶם מַלְאַךְ הַמָוֶת.

ווען אַזויא — זאָגט יהויקים — גִיבּ אִיךְ אֵייךְ שוין דִיא פִינפהוּנדעֶרט טאָהלעֶר. (עֶר צייִלט אִיהם אויף דאָס געֶלד). נוּר זאָגט מִיר דִיא עֵצָה אַרוֹיס צוּ פַּטֶרן דלילה'ן פוּן מִיין שטוּב. (יהוידע בּעֶהאַלט דאָס געֶלד אִין זייַן טאַש).

אִיךְ — עֶנטפעֶרט יהוידע — קאָן אֵייךְ בְּנֶאֱמָנוּת נִיכט פעֶרשטעֶהן, אַזויא אַ קלוּגעֶר מעֶנש וויִא אִיהר קיין עַיִן־הָרַע זעֶנט, בּעֶדאַרף אַלייַן פעֶרשטעֶהן, צוּ בּעֶלוינעֶן יעֶדעֶן מעֶנש פאַר זייַן אַרבּייַט. אִיהר מוּסט מייַנעֶן דאָס אִיךְ האָבּ חָלִילָה בּייַא אֵייךְ אִמזאָנסט געֶלד געֶנוּמעֶן. פאַר וואָס ווִילט אִיהר אֵייךְ נִיכט פאָרשטעֶלעֶן, וויִפִיל בּרעֶנעֶנדִיגעֶ פייעֶרדִיגעֶ שמִיטץ מעֶן וועֶט מִיךְ שמייַסעֶן אִין גֵיהִנם מאַקעֶ פאַר אֵייעֶרעֶ זִינד? ווען אִיהר וואָלט אִין זִיךְ געֶהאַט מעֶהר יוֹשֶׁר, וואָלט אִיהר מִיר געֶבּרויכט צוּ דעֶרלייגעֶן צווייַנִיגעֶ הוּנדעֶרט טאָהלעֶר. גלייבּט מִיר ווען אִיךְ וואָלט געֶוועֶזעֶן יהויקים, אוּנ אִיהר וואָלט געֶוועֶזעֶן יהוידע, וואָלט אִיךְ אֵייךְ געֶגעֶבּעֶן העֶלפט פוּן דִיא צוואַנצִיגטויזעֶנד טאָהלעֶר. אוּנ אֶפְשָׁר וואָלט אִיךְ אֵייךְ צוּ געֶלאָסט שמעֶקעֶן צוּ שושנה'ן. פאַר וואָס דעֶן נִיכט? אַזויא וויִא מִיר זעֶנעֶן שוּתְּפִים צוּ דִיא שרעֶק, בּרויכעֶן מִיר זייַן שוּתְּפִים צוּם פעֶרגעֶנִיגעֶן, צוּם סוֹף פעֶרלאַנגט אִיהר, אִיךְ זאָל נאָךְ וויטעֶר זִינדִיגעֶן פאַר אֵייךְ. דאָס הייסט נאָךְ מעֶהר פעֶרגרעֶסעֶרן דאָס פייעֶר אִין גֵיהִנם, אוּנ טאַקעֶ אוּמזאָנסט? יאָ, דאָס אִיז טאַקעֶ סְדוֹם'ס יוֹשֶׁר.

יהוידע! — פראָגט יהויקים — וועֶר האָט דעֶן חָלִילָה אִין זִינעֶן אֵייךְ נִיכט צוּבּעֶפרִידִיגעֶן?

וויִפִיל — פראָגט יהוידע — וועֶט אִיהר מִיר געֶבּעֶן, דאָס שושנה זאָל אַלייַן אַרויסטרייַבּעֶן דלילה'ן פוּן אֵייעֶר הויז?

שטעֶלט אִיהר אַ פרייַז — עֶנטפעֶרט יהויקים — אָבּעֶר נוּר מִיט יוֹשֶׁר.

פִינפהוּנדעֶרט טאָהלעֶר — זאָגט יהוידע — דאָס אִיז בְּנֶאֱמָנוּת נוּר אֵייךְ צוּלִיעבּ.

דִיא סוּמעֶ — זאָגט יהויקים — אִיז צוּ שטאַרק, נוּר פעֶרפאַלעֶן, אִיךְ ווִעל מִיךְ מִיט מייַן בּעֶסטעֶן גוּטעֶן פרייַנד נִיכט דִינגעֶן (זייא שלִיסעֶן דִיא

האַנד) . נור אַרויסגעטריבען זאָל זיין אַרויסגעטריבען , ניכט מעהר צוריק צו קומען .

זאָגט מיר יהויקים — פראָגט יהוידע — ווען דלילה איז נאָך געוועזען אייער כלה, האָט זיא צו אייך געשריבען ליעבע־בריעף ?

פיעל — ענטפערט יהויקים — איך האָב יעצט נאָך געפונען אין מיין טאַש איין ליעבעס־ליעד , וואָס זיא האָט צו מיר געשריבען · (ער נעמט אַרויס דאָס ליעד) .

לעזט — זאָגט יהוידע — וואָס שרייבט זיא ?

זיא — ענטפערט יהויקים — שרייבט :

וויא גאָלד בּיסט דיא מיר טהייער
מיין ליעבע ברענט צו דיר וויא פייער .
נור צו דיר טוהע איך שטרעבען .
בּייא מיין שלאָפען, בּייא מיין עסען
טוהע איך אין דיר ניכט פערגעסען .
מיר זאָלען שוין דיא האָכצייט דערלעבען .

דער והותר — שרייט יהוידע מיט אַ פריילּיכע שטימע — דיא קלאָגע איז פערטיג . אַרויס געהענדיג פון היער, וועל איך אַוועגרופען אייערע שושנה אין דיא זייט , אונ וועל איהר אַגרויסען געהיים ענטדעקען , דאָס דלילה פערלייגט פאַר אייך פערשידענע נעטצען , איהר זאָלט מיט איהר אַ ליעבע שליסען . אויך וועל איך איהר ערצעהלען , דאָס זיא האָט צו אייך אַ ליעבעס־ליעד געשריבען . איך בין זיכער , דאָס אַזויא וויא זיא וועט דעם פאַלשען געהיים הערען , וועט זיא זיך גלייך אָנקלעבען וויא אַ פּיאַווקע אונטער אייערע אויערען , אונ זיא וועט אייך אַזויא לאַנג קוועהלען , ביז איהר וועט מוסען איהר אַלעס ענטדעקען . איהר זאָלט איהר מודה זיין , דאָס דלילה פייניגט אייך אָהן אויפהער איהר זאָלט זיא ליעבען . איהר קאָנט פאָרלעזען דאָס ליעד פאַר איהר, אונ עס איהר ניכט אַוועגגעבען , אויך זאָלט איהר זיא היילּיג בעשווערען , זיא זאָל דלילה'ן ניכט זאָגען דאָס מינדעסטע , פאַר וואָס זיא ענטזאַגט איהר דיא שטעלע , ווייל עס איז זעהר ניכט שיין פאַר אייער גלאַנצענדען נאָהמען , דאָס אַ דיענסט האָט גערעבענט איהר זאָלט אייך אין איהר פערליעבען . שושנה וועט אייך דאפיר נאָך מעהרער ליעבען , ווייל דאָס

איז אַ אײַנגעשאַפּט פֿון די נאַרישע פֿרויען, ווען זיי זעהען ווי עס געפֿונט זיך אַ אַמאַטאַרקע אויף זייערע מאַנער, קריגען זיי די מאַנער ליבער, און הייבען זיי אָן צו לעקען ווי דער בער דעם האָניג. דאַדורך וועט אייך שושנה נאָך די געשיכטע נאָך מעהר ליבען, און דלילה'ן וועט זיא מיט גרויס שאַנדע אַרויסיאָגען.

זעהר ריכטיג — ענטפֿערט יהויקים מיט אַ פֿרייליך געזיכט — איהר האָט בנאמנות אַ קאָפּף פֿון אַ מיניסטער. (יהודע'ס ווייב נשתּי קומט אַרײַנצו־לויפֿען זעהר פֿערווילדעט).

אַלטער נואף! — שרייט נשתּי — די ביסט דאָ? יעצט מוס איינער פֿון אונז בײַדע אַ בר־מינן ווערען.

אַרויס אַפּיקורסטע! — שרייט יהודע, און טיפּעט מיט דעם פֿוס — די ווייסט ניכט דאָס אַ גרויש טוה ניכט זיין מיט זיין גרושה אונטער איין דאַך? אַרויס! די שטעהסט נאָך?

זעהט נור מײַן קרומען־צדיק! — ענטפֿערט נשתּי — ער וויל מיט מיר ניכט זיין אונטער איין דאַך? אַ דאַך זאָל דיר פֿאַלען אין קאָפּף אַרײַן, אֵל רחום וחנון. אַזוי אַ אַלטער פֿערפֿוילטער מענדאַק וואָס עס שיט זיך שוין פֿון איהם בלוים פּראָכנע, האָט מורא מיט מיר צו זיין אונטער איין דאַך, טאָמער וועט איהם דער יצר־הרע אָנהייבען צו קיצלען? ניין! איך וויל בעסער זיין אַ בן־קטלנית ניכט אַ גרושה. אַזוי ווי אַ קאַטץ יאָגט אַ מויז, וועל איך דיך טאָג און נאַכט אַרומיאָגען. די האָסט געמיינט דאָס די ביסט שוין נשתּי'ס פּטור? האַ־העַ־האַ!

בערוהיגט אייך — זאָגט יהויקים — וואָס איז אייך נשתּי געשעהען?

איך — ענטפֿערט נשתּי — בעט אייך טויזענד מאָהל איבער. דער אַלטער פּושע־ישׂראל האָט מיר אײַנגערעדט, איך זאָל מיך מיט איהם גטין אַלס שפּאַס, ער זאָל קאָנען בײַ אַמיידעל אויסנאַרען אַ נדן, און צוריק מיט מיר הייראַטען. איך האָב איהם דאָס ניכט געוואָלט גלייבען, ביז ער האָט אָנגעטוהען טלית און תפילין, און האָט מיר הייליג צו געשוואָהרען. צום סוף בין איך דערגאַנגען, דאָס ער האָט מיך אַלטע נאַרישע קאַטץ גענאַרט אין זאַק אַרײַן, און ער געהט גאָר הייראַטען מיט אַ בתולה.

נַשְׁתִּי ! — זאָגט יהויקים — עס איז דאָך גלייכער מיט גוטען, וואָס קאָנט איהר דען אויספירען מיט בייזען ?

וואָס איך קאָן אויספירען ? — ענטפערט נַשְׁתִּי — איך וועל איבעראַל אויסזאָגען אַלע זיינע שמוטציגע סודות .

שמוטציגע סודות ? — פראָגט יהויקים זעהר דערשראָקען — יהודיע ! וואָס זאָגט איהר צו דעם ?

שרעקט ניכט — ענטפערט יהודיע — זיא זאָל אַזויא וויסען פון איהר לעבען, וויא זיא ווייסט פון אונז דאָס מינדעסטע .

איך ווייס ניכט ? — שטאָרמט נַשְׁתִּי — דער ערשטער סוד איז דעם קַנִיפּ אין די באַק, וואָס דער אַלטער נוֹאֵף האָט געגעבען דיא דיענסט פון מיין שְׁכֵן ווען זיא איז געשטאַנען בייא דיא באַליע וועש. דער צווייטער סוד איז נאָך ערגער. יום־כִּפּוּר נאָך דעם דאַבינען, האָט ער פון מיר פערלאַנגט אַזויא אַ זאַך, וואָס עס איז דאַמאָלס אָסור וויא חֲזִיר. דער דריטער סוד איז נאָך מאוס׳ער. ווען ער איז נאָך געוועזען מיין חָתָן, האָט ער מיך געוואָלט פירען איהר פערשטעהט שוין אַליין וויא. יאָ ! די גאַנצע שטאָדט מוס פון דעם וויסען. מעהר וועסט דיא שוין ניכט זיין בַּעַל־תּוֹקֵעַ אין שוהל. קרענק מיט יְסוּרִים .

איך פערשטעה ניכט — ענטפערט יהויקים — איהר ברייכט דאָך צעהן מאָהל אין טאָג גאָט דאַנקען, וואָס איהר זענט אַזויא אַ שרעקליכען אַפִּיקוֹרֶס פְּטוּר געוואָרען. ווען איך בין אויף אייער אָרט, וואָלט איך מיין לעצט קלייד פערקויפט, אונ איהם נאָך צו געצאָהלט, אַבִיא זיינע שוואַרצע פְּטוּר צו ווערען .

צו שפּעהט — זאָגט נַשְׁתִּי — ווען איך וואָלט יונגער געוועזען, וואָלט איך אויפגעהויבען דיא האַנד צום הימעל אונ גאָט געדאַנקט, וואָס איך בין דעם באַנדוואָרם פְּטוּר געוואָרען. אָבער ניכט יעצט אויף די עלטער. בלינד ווי אַ פלעדערמויז. קראַנק וויא אַ זיבעלע. הונקענדיג וויא אַ האָשטאַווקע. אָרם וויא אַטויטע. אויך בעהאַנגען מיט קינדער. דער מַלְאַךְ־הַמָּוֶת אַליין וועט דאָך מיט מיר אויך ניכט וועלען הייראַטען .

נַשְׁתִּי — ענטפערט יהויקים — יהודיע איז דאָך אַ כֹּהֵן. אונ אַ כֹּהֵן איז דאָך פערוועהרט צו הייראַטען מיט אַ גרושה ?

גנעוויס — שפאַסט יהודית — אַ האַ ! יוען איך זאָל ניכט בשעת מַעֲשֶׂה פערגעסען דאָס איך בין אַ כֹּהֵן, וואָלט איך זיא פֿאַר אַ מיליאָן ניכט געגעט. זיא ווייסט אַליין דאָס איך ליעב זיא אין האַרץ מעהר ווייא איך ליעב מיך אַליין. פֿון דיא צייט וואָס איך האָב זיא גענעט בין איך נאָך איין נאַכט ניכט אַ דורכגעשלאָפען רוהיג. עס געהט ניכט אַוועג איין טאָג, איך זאָל ניכט האָבען גרימענים אין בויך, פֿון גרויס צַעַר, וואָס איך קאָן ניכט דעם טהייערן אוצר צוריק קריגען. גלייבט מיר, ווען עס זאָל ניכט זיין מְאוּם פֿאַר אַ פרומען יוד צו זיטצען אָהן אַ ווייב, וואָלט איך מעהר ניכט חֲתוּנָה געהאַט, איך האָב מיך שוין גענוג אָנגעווייבט אין מיין לעבען.

דיין קאָפּף — שטאָרמט נַשְׁתִּי — זאָל דיר אַזויא לעבען, אויב עס געהט דיר איין וואָהר וואָרט אַרויס פֿון מויל. דיא האָסט פערגעסען דאָס דיא ביסט אַ כֹּהֵן? גַּנָּב! פֿאַלשער פּיקס! דיא ווערסט זיך אָבלעבען אַ פרישע נייע וועלט מיט אַ שיינע מויד, און איך מיט מיינע אונגליקליכע קינדער וועלען ליגען צעהן עלען טיעף בעגראָבען? ניין! אַלע שטיינער פֿון גאַס וועלען ליגען אויף דיין קאָפּף.

זייט רוהיג — ענטפערט יהויקים — איך וועל זעהען איהר זאָלט האָבען פַּרְנָסָה מיט אייערע קינדער. יהודית! גיבט איהר פֿאַרלייפיג איין טאָהלער, און זאָל זיא אַ היים געהן צו דיא קינדערליך זאָלען געזונד זיין.

דאָס הייסט אַ כַּפָּרָה — בייזערט זיך יהודית און גיבט איהר איין טאָהלער — אַ גְרוּשָׁה זאָל פֿון דעם גרויש נעמען געלד אויף פַּרְנָסָה נאָכדעם גֶט? זוען דיא וואָלסט געוועזען אַ אֱמֶתְ'ע כְּשֵׁרָה יודענע, וואָלסט דיא געברויכט זיין פֿון מיר אָבגעשייד, גלייך דיא וואָלסט שוין געגאַנגען אין דיא קַבְרִיכִים, און געליגען אויסגעצויגען אין פינסטערן קֶבֶר ווייא אַ דערטרונקענע מויז.

ליג דיא אין קֶבֶר — שטאָרמט נַשְׁתִּי — וואַרט דיא שטאָלצער הוירהאָהן, דיא ווערסט דיר שוין שפעטער אַ גאַנץ גוט שוואַרץ יאָהר אויסרעכטען. אַזויא ווייא דיא ווערסט שטעהן מיט דיא מויד אונטער דיא שוואַרצע חוּפָּה, וועל איך אייך אָבצוואָגען מיט אַ טאָפּף אונריין וואַסער. איך וועל דיר מאַכען אַזויא אַ קאַטץ־מוזיק, דאָס דיא ווערסט פֿון שאַנדע דיא געלבע זוכט קריגען.

דיין צובראָכענער קוגעלשאַרבען — ענטפערט יהודית — זאָל דיר אַזויא לעבען, אויב מען וועט דיך דאַמאָלס צו לאָסען צו מיר. חָתָן דוֹמֶה לְמֶלֶךְ!

דער גאַנצער עולם וואָס וועט זיין אויף מיין חתונה, וועט דיך מכבד זיין מיט אַ גאַנצען מבול מיט פּעטש, קלעפּ, קאָלאַקעס...

גענוג שוין — זאָגט יהויקים — נשתּי! איך בעט אייך, טוהט מיר יעצט צוליעב און טרעט בעסער אָב. איהר וועט שוין דיא טהייערע מציאה מעהר ניכט צוריק קריגען. אַלע גייסטליכע קאָנען ניכט ערלויבען, אַ כהן אַ גרוש זאָל צוריק נעמען זיין גרושה.

איך — ענטפערט נשתּי — טוהע נור אייך צוליעב אונ געה אַוועג. איך בעט אייך זעהר איבער וואָס איך האָב אייער קאָפּ פערדרעהט. שטעלט אייך פאָר מיט וואָס פאַר אַ ביטער האַרץ איך געה יעצט אַהיים צו מיינע אָרמע שוואַלבען. (זיא געהט אַרויס זעהר אויפגערעגט).

אַ שיינעם אַנטיק — שפּאַסט יהויקים — זענט איהר פּטור געוואָרין. אַך! וויא קאַלט איז מיר געוואָרען אין אַלע ביינער הערענדיג פון איהר מויל, דאָס זיא וועט איבעראַל ענטדעקען אייערע סודות. איך האָב ווירקליך געמיינט דאָס איהר האָט איהר אַלעם ערצעהלט.

וואָס רעדט איהר? — ענטפערט יהודית — איך וועל אַזאָלכע וויכטיגע סודות אַריינרעדען אין אַזויא אַ אַלטע נאַרישע קאַטצס אויערען אַריין? יהויקים! איך געה. אַרויסגעהענדיג וועל איך אַרויסרופען אייערע פרויא, אונ איהר ערצעהלען דעם פאַלשען בלבול אויף דלילה, זעהט איהר זאָלט דיא ראָליע זעהר ריכטיג שפּיעלען.

איהר — זאָגט יהויקים — האָט מיט מיר אויסגעזאָרגט. זייט איהר גוט פאָרזיכטיג. איהר זאָלט חלילה קיין טעות האָבען, דאָס איהר שפּרעכט מיט אייערע נאַרישע נשתּי.

איהר — ענטפערט יהודית — האָט מיט מיר אויך אויסגעזאָרגט. צום ווידער זעהען. (ער געהט אַרויס).

מיינע פרויא דלילה — שפּריכט יהויקים — מוס זיכער זיין אַ זינדיגע נשמה פון יענע וועלט. אַזויא אַגרויסער בן־תּורה וויא איך בין, זאָל ניכט פיהלען איין פינק רחמנות אויף איהר ביטער אונגליק? איהרע ערשטע פריילין־עהרע האָב איך צוגענומען. איהר גאַנץ פערמעגען האָב איך אַוועגגערויבט. זאָגאַר דיא ברילליאַנטען פון איהר צירונג, האָב איך מיט פאַלשע

שטיינער אויסגעטווישט. אויף עוויג האָב איך זיא אין דיא ביטערע עגונה־קייטען געשמידט. דורך מיר איז זיא אַזויא אַרונטערגעפאַלען פון איהר הויבען גליקליכען שיקזאַל, ביז זיא איז געצווינגען געוועזען צו ווערען אַ אָרמע דיענסט ביא מיינע יעצטיגע פרויא. מיט דיא שוויים פון איהר הערליך רייך פנים, האָט זיא דיא פאָדלאָגעס געוואַשען. ווען מיר אַלע שלאָפען שוין, שטעהט זיא נאָך פערמאַטערט ביא דיא באַליע וועש. יעצט וועט מיין ווייב זיא פון דיא שטעלע אויך אַרויסטרייבען מיט זעהר אַ שרעקליכע אומזאָנסטע שאַנדע. אונ דאָס אַלעס דערוועקט ניכט אין מיר קיין פונק מיטלייד מיט איהר? דאָס איז אַ ריכטיגער בעוויז, דאָס זיא איז אַ זינדיגע נשמה, וואָס גאָט האָט זיא אַ העך געשיקט אויף דיא וועלט זיא זאָל אָבקומען איהרע עונות. נוא, איך וועל מיך יעצט זעטצען אַ ביסעל לערנען. איך האָב נאָך היינט גאָרניכט געלערנט (ער מישט אויף דעם ספר משלי אונ לערנט): „דיא זאָלסט ניכט גליסטען איהר שוינהייט אין דיין הארץ, אונ זיא זאָל דיך ניכט פאַנגען מיט איהרע ברעהמען (שושנה קומט אַריין מיט אַ שיינע רויז אין האַנד), ווייל דורך אַ פרויא קומט מען בעטלען אַ שטיקעל ברויט".

יהויקים! — זאָגט שושנה זעהר ליעבליך — נעם דיא טהייערע רויז צו דיא נאָז, דער פיינער גערוך וועט דיינע געדאַנקען אויפפרישען. (ער נעמט דיא רויז אונ שמעקט).

דיא טהייערע רויז — זאָגט יהויקים — איז געוויס פון דעם באַרג כרמל אָדער שרון, וואָס זענען אין אונזער היילינ לאַנד, דאָרט וויא מיינע היילינע עלטערען ליגען. (זיא קוקט אַריין אין דעם אָפענעם ספר משלי).

ליעבער מאַן! — זאָגט שושנה — דיא האָסט יעצט געלערנט דאָס שענסטע קאַפיטעל פון משלי, וויא דער קלוגער סאַלאָמאָן חאַראַקטעריזירט דיא פרעכע פרויא, וויא אַזויא זיא פאַנגט דיא וויכטיגסטע מענשען אין איהר נעטץ אַריין, אונ מאַכט פון זייא אַ באַרג אַש. איך רעכען דאָס דיא פרויא איז דלילה, וואָס וויל דיך אויך פאַנגען אין איהר נעטץ אַריין.

וואָס זאָגסט דיא? — פערוואונדערט זיך יהויקים — צו עס טרוימט דיך?

מיך טרוימט ניכט — ענטפערט שושנה — איך בין אַלעס דערגאַנגען. ליעבער מאַן! איך בעשוועהר דיך ביא גאָט, איך בעשוועהר דיך ביא זיינע היילינע תורה, דאָס דיא זאָלסט מיר אַלעס ערצעהלען.

גאָט זאָל היטען! — זאָגט יהויקים — איך וויל דיר קיינע שמערצען פערשאַפען.

איך — זאָגט שושנה — וויים שוין פון דעם ליעבעס־ליעד וואָס דלילה האָט דיר געשריבען.

דעם קאָפּף — צאָרנט יהויקים — מוס איך יהוידע'ן אָבהאַקען. ער האָט מיר צוגעשוואָהרען דאָס ער וועט דאָס שטרענג אין געהיים האַלטען.

וואָס — זאָגט שושנה — האָסט דיא דען מיט דעם פערלוירען? אין געגענטהייל, איך האָב מיך יעצט מעהר איבערצייגט אין דיין עהרליכקייט.

דיא — זאָגט יהויקים — ביסט אין דעם אַליין שולדיג. צו וואָס האָסט דיא זיא אַריינגענומען? דיא דלילה בעזיצט זעהר אַ ריזינדען קראַפט פאָרצושטעלען אַ פאַלשע זאַך מיט בעצויבערטע פאַרבען און מיט פיעל טרערען, דאָס יעדער וועט שווערען אַז דאָס איז ריכטיג. גאָט ווייסט וויפיל אונשולדיגע מענשען זיא וועט נאָך פערראונגליקען מיט איהרע בעצויבערטע צונג? ווען זיא טרעפט אָן ניכט אין מיר, וואָלט ער שוין לאַנג געליגען אין איהר נעטץ.

יאָ — ענטפערט שושנה — איך בין שולדיג. איך האָב זיא ניכט געברויכט אַריינעמען צו מיר. צייג מיר יהויקים־לעבען איהר ליעד.

שושנה! — זאָגט יהויקים — דיא ברויכסט וויסען, וואָס פאַר אַגרויסע שאַנדע דאָס איז פאַר מיר, אַז אַ דיענסט האָט זיך געוואָלט אין מיר פערליעבען. אַלסדאַן שוועהר מיר צו, דיא זאָלסט דלילה'ן גאָר ניכט זאָגען, פאַר וואָס דיא שאַפסט זיא אָב. ווער שמיסט נאָך פאַר פרעמדע מענשען, אַ וודאַי ניכט.

איך — ענטפערט שושנה — פערשטעה דאָס אַליין. איך שוועהר דיר בייא מיין לעבען, דאָס איך וועל עס שטרענג אין געהיים האַלטען. (ער צייגט איהר דאָס ליעד. זיא לעזט עס דורך, און ווערט זעהר אויפגערעגט).

שושנה! — פראַגט יהויקים — וואָס זאָגסט דיא יעצט צו דלילה'ן?

אַך גאָט! — זאָגט שושנה — וואָס פאַר אַ פרעכע אונפערשעהמטע פרויא זיא איז. עס קאָן זיין, דאָס זיא אַליין איז דיא ווילדע טהיער וואָס האָט איהר מאַן אויפגעפרעסען.

דאָס — ענטפערט יהויקים — איז ניכט אונזערע זאַך וואָס זיא האָט מיט איהר מאַן געטוהען. מיר ברויכען נור זעהען, דאָס דיא זעלבע טהיער זאָל בייא אונז אויך ניכט קיין אונשולדיג בלוט פערגיסען.

וועהמען — פראָגט שושנה — גלייבט מען שוין היינט? (זיא קלינגט זעהר האַסטיג מיט דעם טישגלעקיל, דלילה קומט שנעל אַריינצולויפען): עס איז ענדרע וועלט. דלילה! נעם שנעל צוזאַמען דיינע אַלע זאַכען, אונ געה אַרויס פון מיין הויז. איך וויל מעהר דיינע טרֵפֵהנ׳ע צורה ניכט אָנקוקען.

וואָס? — פראָגט דלילה זעהר איבערראַשט — דיא מאַדאַם מיינט מיך?

מיך? מיך? — שפעט איהר שושנה נאָך — דיך מיין איך, דיך אונפערשעהמט קאַלב. נעם שנעל דיינע זאַכען אונ טראָג דיך אַרויס.

פאַר וואָס? — פראָגט דלילה קלאַפענדיג איין צאָהן אין צווייטען — טהייערע מאַדאַם! פאַר וואָס קומט דאָס מיר? וואָס האָב איך דען געזינדיגט? ערבאַרמט אייך אויף מיר אונגליקליכע עגונה.

אָסור לְרַחֵם! — ענטפערט שושנה — געה, איידער איך הייס דיך אַרויסוואַרפען. (דלילה הייבט אָן זעהר ביטערליך צו וויינען, אונ וויל קושען שושנה׳ס האַנד. זיא שטייסט זיא פון זיך אַוועג). צייג נור דיינע האַנדשריפט. (דלילה נעמט אַרויס אַ שטיקעל פאַפּיער פון איהר טאַש, אונ דערלאַנגט עס איהר. זיא בעטראַכט עס גוט, אונ וואַרפט עס איהר צוריק מיט זעהר אַ שרעקליכען צאָרן): יאָ, דיא זעלבע האַנדשריפט. דלילה! איך זאָג דיר שוין דאָס דריטע מאָהל, דיא זאָלסט שוין אַרויס פון אונזער שאָטען.

אַך גאָט! — ביטערט דלילה לייגענדיג איהרע האַנד אויף איהר שטערן — צו וועהמען, אונ מיט וואָס, געה איך אַוועג?

צו וועהמען? — ענטפערט שושנה — צום טייפעל. מיט וואָס? מיט דיינעם אויסגעלאַסענעם חאַראַקטער. (שושנה עפענט פאַר איהר די טהיר): בוא, געגאַנגען! קיין מיטלייד, קיין רַחֲמָנוּת אויף שלאַנגענטרערען. (דלילה געהט אַרויס זעהר פערשעהמט, נאָך איהר געהט אַרויס שושנה מיט זעהר אַ בייז געזיכט).

ווער — פראָגט יהויקים זיך אַליין — וואָלט דאָס געוואָלט גלייבען, דאָס דער אַלטער בעטלער יהיירע, זאָל האָבען אַזויא אַ שאַרפען מוח? (שושנה קומט צוריק אַריין זעהר אויפגערעגט).

וועהמען — פראָגט שושנה — קאָן דאָס איינפאַלען, דאָס דיא פרומע דלילה זאָל זיך דאָס ערלויבען? טאָג אונ נאַכט ליגט זיא בייא דעם תּהלים. רעדט ניכט צוויא ווערטער אָהן גאָטס נאָהמען. אונ בעזיצט אַ גייסט פון דיא פרעכסטע פרויא?

שטאַרק פרום! — שפּאַסט יהויקים — אָנשמירען איהר מאַנס מיטץ מיט הינערבלוט, אָבצונאַרען דיא גייסטליכע, זייא זאָלען איהר אַ פּ׳ל ועען היתר ארויסגעבען, וואָס דניאל האָט געזעהען מיט זיין רוח־הקודש דאָס איהר מאַן לעבט נאָך. ניין שושנה, זיא האָט מיר גלייך ניכט געפאַלען. איך גלייב, דאָס איהר מאַן האָט ניכט געקאָנט פערטראָגען איהר פאַלשקייט איז ער פון איהר אַנטלאָפען.

ניין ליעבער מאַן — ענטפערט שושנה — ווען איהר געמיינער מאַן לעבט נאָך, זאָל איהם בעזונדער דאָס גרעסטע אונגליק טרעפען. (יהויקים גיבט אַ ציטער). איוב׳ס צָרות זענען נאָך פאַר איהם וועניג. דער ערגסטער באַרבאַר וועט אַזויא אַ אונרעכט ניכט טוהען. בייא יודען גיבט אַ גט. בייא יודען איז דאָ אַ בית־דין. ער האָט זיך דאָך מיט איהר געקאָנט גטין אין בעסטען אופן. ניכט אַוועגרויבען איהר גאַנץ פערמעגען. ניכט אויסטוישען איהרע ברילאַנטען מיט פאַלשע שטיינער. אונ זיא אָבנאַרען דאָס דיא ווילדע טהיערע האָבען איהם אויפגעפרעסען, זיא זאָל בלייבען אַ עוויגע עגונה. גלייב מיר ליעבער מאַן, ווען איך זאָל דעם פושע־ישראל פאַנגען אין מיינע האַנד אַריין, וואָלט איך מיך אין איהם נוקם ונוטר געוועזען. (דלילה קומט צו נעהע צו זייער פענסטער זעהר פערביטערט).

טהייערע מאַדאַם! — בעט דלילה — איך פערלאַנג פון אייך גאָרניכט מעהר נאָר דאָס קליינינגקייט, מען זאָל מיר זאָגען דיא אורזאַכע, פאַר וואָס מיר איז געקומען דעם שווארצען ביטערן פּסק? איך זעה, דאָס דיא מאַדאַם אַכטעט ניכט מעהר מיינע שבועה, מיין טרער, מיין קרעכץ. אומזאָנסט, אומזאָנסט האָט דיא מאַדאַם מיין לעצט ביסעל בלוט פערגאָסען.

דאָס — שפּאַסט שושנה — איז הינערבלוט. פון דעם זעלבען בלוט וואָס דיא האָסט דיין מאַנס מיטץ בעשמיערט. (שושנה פערמאַכט האַסטיג דאָס פענסטער פאַר דלילה׳ן). ליעבער מאַן! איך געה יעצט אַריבער צו מיינע עלטערן.

נור געדענק — זאָגט יהויקים — דיא זאָלסט דאָרט גאָרניכט ערצעהלען.
(זיא געהט אַרוים. יהודע קומט אַריין זעהר פריילינג).

דאָס טשאָלענט — זאָגט יהודע — האָט אויך געגראָטען. איך האָב שוין באַלד מיין לעבענסקאָנטראַקט געענדיגט, אונ איך האָב ביז יעצט ניכט געוויסט, דאָס אויף מיין קאַרק איז אָנגעקלעבט אַזויא אַ קלוגער שאַרפער קאָפּף. וואָס זאָגט איהר יהויקים צו מיין יעצטיגען פּלאַן? איך האָב מיט דלילה'ן געמאַכט קורץ אונ שאַרף. זיא האָט מיר יעצט אויף דיא גאַס אָנגעוויינט אַ פילען קאָפּף, איך זאָל דערגעהן פאַר וואָס האָט זיא שושנה אַזויא שלעכט בעהאַנדעלט? נור דער כהן־גדול האָט אויך פריהער פאַר זיך געבעטען. (ער עפענט זיינע האַנד): מיינע פינפהונדערט טאָהלער.

וואָס — פראָגט יהויקים — יאָגט איהר אייך אַזויא? לויט וויא איך זעה מיינט איהר ניכט מעהר נור דיא קלינגערס?

איך — צאָרנט יהודע — פערשטעה אייך ניכט? דיא קראַנקע האָב איך פאַר אַ מת געמאַכט. דאָס מת האָב איך אַרויסגעפיערט. דעם קבר האָב איך אַליין געגראָבען. וואָס נאָך ווילט איהר פון מיר האָבען? איך האָב אָבגעטוהען מיינס, ברויכט איהר אָבטוהען אייערס.

נוא — ענטפערט יהויקים — דאָ האָט איהר אייער געלד. (ער נעמט פון איהם דאָס געלד אונ זעצט זיך נעבען איהם זעהר צופריעדען).

יעצט ליעבער יהויקים — זאָגט יהודע — וועל איך אייך זאָגען אַ גוטע בשורה. מיין כלה מיט איהרע עלטערען, אויך פערשיעדענע געסט, קומען גלייך אַהער. מיין חתונה וועט מיט מזל זיין דאָ בייא אייך. דער שוהל־שמש ברענגט שוין אַהער דיא חופה, איהר זאָלט מיר פערצייהען וואָס איך האָב בייא אייך פריהער קיין ערלויבניס גענומען. (שושנה קומט אַריין).

דיא הערסט? — ערצעהלט יהויקים — יהודע מאַכט יעצט זיין האָבצייט דאָ בייא אונז. דיא כלה מיט איהרע עלטערען אויך געסט געהען שוין אַהער. (יהודע הייבט אויף זיין מיטץ אין דיא הייך מיט זעהר אַ פריילינג געלעכטער).

הכנסת־כלה — ענטפערט שושנה — איז דאָך אַ גרויסע מצוה.

לעֶבּען — זאָגט יהוידע טאַנצענדיג מיט גרויס פרייד — זאָל דיא מאַדאַם. אַ שיינעם דאַנק אייך מאַדאַם. אַ געבּענשט יאָהר אויף אייך מאַדאַם. שאַ! מען געהט. (דיא כַּלָה מיט איהרע עלטערען, אויך פערשידענע געסט, מאַנער אונ פרויען, קומען אַריין. דער שַׁמָש ברענגט אַריין דיא חוּפָּה. מען וואונשט זיך מַזָל־טוֹב. מען טרונקט בראָנפען מיט לעקעך. דיא מוזיק שפּיעלט. מען שטעלט דיא חוּפָּה. מען פיהרט יהוידע'ן מיט דיא כַּלָה אַרונטער. אונ וויא ער איז זיא מְקַדֵשׁ. קומט דיא אַלטע וַשְׁתִּי פּלוּצלונג אַריינצולויפען מיט אַגרויסען בעזעם אין האַנד).

שְׁלִים שְׁלִים שְׁלִי מַזָל זאָל אייך ביידע זיין — שעלט וַשְׁתִּי מיט אַלע איהרע קראַפטען — דאָ האָט איהר מיין דְרָשָׁה־געשאַנק (זיא שלאָגט מיט דעם בעזעם אויף זייערע קאָפּף). געמיינע מויד! דעם ערשטען חוֹדֶשׁ נאָך דיא חֲתוּנָה, זאָלסט דיא אַ אַלְמָנָה בלייבען. (זיא לייגט דעם בעזעם אויף יהוידע'ס קאָפּף): אַלטער נוֹאֵף! אַזויא וויא דיא האָסט מיך גענאַרט מיט אַ גֵט, זאָל דיך דער מַלְאַךְ־הַמָוֶת אויך אָבּנאַרען מיט אַ שוועהרען ביטערן טויט. עס זאָל אויף אייך ביידע קומען איוב'ס פּאַרך. אַ פּאַרך ביז אין דיא אויגען אַריין, אֵל רַחוּם וְחַנוּן! (זיא הייבּט ווייטער אויף דעם בעזעם. פערלעשט דיא ליכט וואָס דיא געסט האַלטען אונטער דיא חוּפָּה. דיא מוזיק הייבּט אָן שפּיעלען. אַלע האַלטען זיא צו. יהוידע הייבּט זיא אָן צו פּאַטשען מיט זעהר אַ ביטערן צאָרן. דיא כַּלָה דראַפּעט איהר דיא אויגען. איהרע געוואַלדען זענען שרעקליך. זיא פאַלט אויף דיא ערד חַלָשׁוּת. דיא פאָרהאַנג פאַלט).

פִּירְטֶער אַקְט.

(אין דעם שיינעם גאָרטען וואָס איז אונטער שושנה'ס וואָהנונג, שפּאַציערען זיך פערשידענע יונגען מיט פריילינס. זייא קלויבּע אויף דיא ערד רויזען אונ בלוהמען מיט זעהר אַ לוסטיג געזאַנג):

דיא רויזעלעך בליהען שײן
דיא בלומעלעך שמעקען פײן
דיא פײגעלעך זינגען זיס.
דיא הונגער בריהען אײער
אויף דעם גרינעם שלײער
אלעס געזונד וויא א ניס.

* *
*

דער הימעל מיט דיא ערד
זײער הײראטען האט א ווערטה
אלעס בליהט שוין צוריק.
דער רעגען פלוסט מיט קראפט
דיא ערד גיבט איהר זאפט
דיא שטערען וואונשען גליק.

* *
*

גאט טוהט זײא בענשען
נור צוליעב דעם מענשען
זײן פירשט אויף דיא וועלט.
הערליך איז דער זימער
וויא א פרויענצימער
אלעס לעבט און קיועלט.

* *
*

(דער אלטער שרכן יהודע קומט ארײן אין גארטען מיט זײן יונג ווײב פועה און שפאצירען ארום. ער בײגט זיך צו דיא ערד און דערלאנגט איהר א שײנע רויז. זײנע אלטע פרויא ישתי קומט ארײן אין גארטען אלס בעט-לערן, און שטעלט אויף איהרע האנד צו דיא געסט).

יהודע! — זאגט פועה זעהר דערשראקען — קום ארויס, שנעל, ישתי געהט אהער. זיא קען אונז דא אויך מכבד זײן מיט איהר שטעקען.

פוּעָה! עֶנטפֶערט יהוידע — זַייא רוּהִיג. זִיא וועֶט אוּנז נִיכט דערקֶענעֶן. (נַשְׁתִּי קוּמט צוּ זַייא מִיט אַ געֶבוּיגעֶנעֶם קאָפּף אוּנ קוּשט זַייעֶר אָרעֶם).

עֶרבּאַרמדִיגעֶר העֶרר! — בִּיטעֶרט נַשְׁתִּי פַאר יהוידע'ן — עֶרבּאַרמט אֵייך אוּיף אַ אַלטעֶ קראַנקעֶ פרויא מִיט אַכט אָרמעֶ קִינדעֶר. (פּוּעָה גִיבּט אִיהר אַ נְדָבָה). עֶס זאָל אֵייך מִיט אֵייעֶר מַאן געֶגעֶבּעֶן ווערעֶן גלִיק אוּנ לעֶבּעֶן. (זַייא געֶהעֶן פוּן אִיהר אַוועֶג מִיט געֶלעֶכטעֶר): לאַכט נִיכט פוּן אַ אַלט אוּנגלִיקלִיךְ מעֶנש. דִיא עֶרשטעֶ חָלִירֶע זאָל מַיין געֶוועֶזעֶנעֶם מַאן יהוידע מִיט זַיינעֶ נַייעֶ מְכַשֵּׁפָה טרעֶפעֶן, וואָס זַייא האָבּעֶן נעֶבּאַךְ מִיךְ צוּ אַזויא אַ אוּנגלִיק געֶבּראַכט. (אַלעֶ פעֶרלאָסעֶן לאַנגזאַם דעֶם גאָרטעֶן. עֶס קוּמט אַריין דעֶר יוּדִישעֶר רִיכטעֶר אַבשלום, אוּנ בּעֶטראַכט דעֶם גאָרטעֶן פוּן אַלעֶ זַייטעֶן).

עֶס אִיז קַיינעֶר דאָ? — שפּרִיכט אַבשלום זעֶהר אוּיפגעֶרעֶגט — אִיךְ יוּדִישעֶר רִיכטעֶר אַבשלום, האָבּ דעֶם אַלטעֶן שַׁדְכֶן יהוידע זעֶהר אַגרויסעֶן לוין פעֶרשפּראָכעֶן. אִיךְ האָבּ אִיהם בּעֶנויא געֶוואָלט רַייךְ מאַכעֶן, עֶר זאָל זעֶהעֶן צוּ פוּילעֶן בּייא חלקיהו'ס טאָכטעֶר שושנה, זִיא זאָל מִיט מִיר הַייראַטעֶן. פִיעל פעֶרשִידעֶנעֶ מִיטלעֶן האָבּ אִיךְ בּעֶנוּצט, צוּ פאַנגעֶן דִי הֶערלִיכעֶ טוֹיבּ אִין מַיין נעֶטץ אַריין. נאָר דאָס אַלעֶס האָט לַיידעֶר נִיכט געֶהאָלפעֶן. יהויקים האָט מִיר פלוּצלוּנג דעֶם טהַייעֶרעֶן אוֹצָר אַוועֶגגעֶחאַפּט. אָבּעֶר וואָס מאַכט מעֶן, ווען מַיינעֶ שטאַרקעֶ לִיבּעֶ צוּ אִיהר, הערט ווַייטעֶר נִיכט אוּיף צוּ פלאַקעֶרן, צוּ בּרעֶנעֶן, ווִיא דאָס גרעֶסטעֶ אוּנ שטאַרקסטעֶ פַייעֶר? אִיךְ קאָן לַיידעֶר קַיין אֵיינצִיג מִיטעֶל געֶפוּנעֶן. קַיין מִינדעֶסטעֶן ראַטה, צוּ פעֶרלעֶשעֶן דעֶם אוּמנאַטִירלִיכעֶן פלאַם, נוּר מִיט געֶוואַלד. יאַ, מִיט געֶוואַלד מוּס אִיךְ יעֶצט מַייִ וואוּנש עֶרפִיהלעֶן. אִיךְ בּעֶהאַלט מִיךְ אוּנטעֶר דעֶם געֶדעֶכטעֶן בּוּים, אוּנ ווִיא שושנה וועֶט דאָ אַ דוּרךְ געֶהן זִיךְ בּאָדעֶן אִין יעֶנעֶם טַייךְ, וועֶל אִיךְ זִיא בּעֶפאַלעֶן. (עֶר ווערט אִיבּעֶרראַשט): אִיךְ העֶר טרִיט. געֶווִיס געֶהט שושנה אַ העֶר. (עֶר בּעֶהאַלט זִיךְ שנעֶל אוּנטעֶר אַ בּוּים. עֶס קוּמט אַריין דעֶר יוּנגעֶר רִיכטעֶר אֱלִישָׁמָע).

אִיךְ רִיכטעֶר אֱלִישָׁמָע — שפּרִיכט עֶר — קאָן לַיידעֶר מִיט מַיינעֶ שוואַכעֶ נעֶרווען נִיכט קעֶמפּפעֶן מִיט מַיין גרויסעֶן אוּמנאַטוּרלִיכעֶן לוּסט צוּ דִיא וועֶלטבּעֶרוּהמטעֶ שושנה. אַךְ! וואָס פאַר אַ רִיזִינדעֶר קראַפט דִיא לִיבּעֶ האָט. אִיךְ האָבּ צוּ אִיהר געֶשִיקט דעֶם אַלטעֶן יהוידע אַלס שַׁדְכֶן, זִיא זאָל מִיט מִיר הַייראַטעֶן, אוּנ זִיא האָט מִיר עֶנטזאַגט. אִיךְ האָבּ יעֶצט מִיט געֶנוּמעֶן אַ טהַייעֶרעֶ בּרִילִיאַנטעֶנעֶ רִינג פאַר אִיהר. פִילַייכט וועֶט זִיא מִיר

יעֶצט צו לִיעבּ טוהען? פִּילֵייכט ווערט זִיא יעֶצט ווֶעלֶען זֵיין דעֶר אֵיינציגער אַרעצט צו מֵיינעֶ הִיטצִיגעֶ נעֶרווען? פִּילֵייכט... (עֶר ווערט זעֶהר דעֶרשראָקען): מִיר ראַכט זִיךְ דאָס עֶס שטעהט ווער אונטעֶר יענעֶם בּוים? (עֶר געֶהט נעהעֶ צום בּוים, אונ דערזעהט דעֶם ריכטער אַבשלום). צו דאָס אִיז ווירקלִיךְ אַבשלום?

יאָ — ענטפּעֶרט אַבשלום — וואָס מאַכסט דִיא לִיעבער אֱלִישָׁמָע?

פּאַר וועֶהמען — פרעגט אֶלישמע — האָסט דִיא דִיךְ בּעהאַלטען? אַבשלום! אַזויא וויא דִיא האָסט יעֶצט געהערט מֵיין אונגלִיקלִיכען געהֵיים וואָס עֶר קאָן מִיר פִּיעל שאַנדע פעֶרשאַפען, פערלאַנג אִיךְ פון דִיר טהייערער פרֵיינד, דִיא זאָלסט מִיר יעֶצט הֵיילִיג צו שוועהרען, דאָס דִיא ווערסט מִיךְ נִיכט פעֶרשעֶהמען, אונ דִיא ווערסט מֵיין יעצטִיגען געהֵיים נִיכט ענטדעקען. וועֶן דִיא שוועהרסט מִיר נִיכט צו, בִּין אִיךְ יעֶצט געצווינגען (עֶר נעֶמט אַרויס זֵיינעֶ שווערד) מִיךְ אונ דִיךְ צו טֵייטען.

בּיֵיא גאָט! — שוועהרט אַבשלום — דאָס בּלֵייבּט שטרעֶנג אִין געהֵיים. אִיךְ בִּין אויךְ דאָ אַהער געקומען צו דעֶם זעלבען צוועק וואָס דִיא בִּיסט געקומען. שושנה האָט געזאָלט זֵיין מֵיין כַּלָה, נאָר יהויקים האָט זִיא מִיר פּלוצלונג אויסגעכאַפּט. אִיךְ מוס יעֶצט מֵיין וואונש מִיט געוואַלד אויספִּירען.

אַבשלום! — זאָגט אלישמע — אִיךְ ווֶעל מִיךְ אויךְ בּעהאַלטען אונטעֶר אַ צווייטען בּוים, אונ וויא שושנה וועט העלען אַרֵיינגעהן אִין טֵייךְ, וועֶלען מִיר זִיא בּיידעֶ בּעפאַלען אונ זִיא צווינגען...

גאָט ווייסט — זאָגט אַבשלום — וואָס פאַר אַ שאַנדלִיךְ אונגלִיק עֶס קאָן אונז פון דעם געשעֶהען?

עֶס אִיז פערפאַלען — ענטפּעֶרט אלישמע — וועֶן מִיר וועֶלען נִיכט בּערוהִיגען אונזערעֶ הִיטצִיגעֶ נעֶרווען מִיט אִיהר שוינהֵייט, קאָנען זֵייא זעהר לֵייכט פּלאַטצען, אונ מִיר וועֶלען בּיידעֶ אַיוועֶגעהן פון דִיא וועלט מִיט זעהר גרויסעֶ אומנאַטורלִיכעֶ שמערצען. אבשלום! וויא בּאַלד שושנה וועט מאַכען אַ געשרֵייא, אונ מענשען וועלען אַהער אָנקומען, זאָלען מִיר אויף אִיהר עֵדות זאָגען, דאָס אַזויא וויא מִיר האָבען בּיֵיא אִיהר געזעהן אַפּרעמדען מאַנספּערזאָהן, האָבען מִיר אָנגעהויבען אויף אִיהר צו שרֵייען, אונ דער מענש אִיז פון אִיהר אַנטלאָפען.

האָסט רעכט — זאָגט אַבשלום — אלישמע! בעהאַלט דיך שנעל, מען געהט. (זייא בעהאַלטען זיך אונטער די ביימער. שושנה קומט אַריין מיט איהרע צווייא בעדינענטע, אונ זעטצען זיך אויף די באַנק).

דיא מאַדאַם — זאָגט איין דינענסט — ברויך זעהען דעם מוטה ניכט צו פערלירען, דער העדר איז ניכט אַזויא שלעכט וויא נערוועאיש. עס קאָן זיין פון צו פיעל לערנען.

געוויס — ענטפערט דיא צווייטע דינענסט — אַ ביזער מאַן איז גראַדע וויא אַ בלינדע מכה, וואָס מען מוס זיך מיט איהר אומגעהן זעהר גוט, אונ ווען מען ריערט זיא אָן מיט דעם שפיטץ נאָגעל, ווער שמוסט נאָך ווען מען גיבט איהר דעם מינדעסטען קראַטץ, גיסט דיא מכה גלייך אוים איהר גאַנצען צאָרן אויף דעם גאַנצען לייב, אונ קיין אַרצט קאָן איהר ווילדקייט ניכט בערוהיגען.

ניין ליעבע קינדער — זאָגט שושנה זעהר טרויעריג — ניכט פון פיעל לערנען ווערט מען חלילה נערוועאיש. אין געגענטהייל, דאָס הייליגע תורה'לע בערוהיגט מעהר דיא אויפגערעגטע נערווען וויא אַלע מעדיצינען. מיין הייליגער פאָטער זאָל לעבען, לערנט פיעל מעהר פאַר מיין מאַן, אונ צייט איך קאָן איהם ביז הונדערט אונ צוואַנציג יאָהר, איז ער גוט וויא אַ טויב. עס האָט נאָך קיין מענש ניכט געהערט קיין ביז וואָרט פון איהם. ליעבע קינדער! צו איהר האָט בעמערקט מיין מאַנס שלעכטע בליקען אויף דלילה'ן?

יאָ ענטפערט אַ דינענסט — יעדעס מאָהל וואָס דלילה איז צו געגאַנגען צום הערס טיש, האָט ער גלייך אַרונטערגעלאָסט זיין פנים צו דיא ערד.

דלילה — זאָגט דיא צווייטע דינענסט — פלעגט זעהר אָפט זאָגען, דאָס איהר זעליגער מאַן האָט ריכטיג אויסגעזעהען וויא דער הער. דאָס זעלבע געזיכט. דיא זעלבע אויגען. דיא זעלבע הויך, אויך דיא זעלבע שטימע.

גענוג — זאָגט שושנה — געהט ליעבע קינדער אונ בעזאָרגט מיר זייף מיט באַלזאַמעהל, אונ פערמאַכט אונטער זיך דיא טהיר פון גאָרטען, ביז איך וועל מיך אָבבאָדען. (דיא צווייא דינענסטען געהען אַרוים. שושנה געהט צום טייך אונ הייבט זיך אָן אויסטוהען. אַבשלום אונ אלישמע לויפען צו איהר שנעל־צו. זיא ווערט זעהר דערשראָקען).

ליעבע שושנה ! — זאָגט אבשלום זעהר צו רייצט — דער גאָרטען איז פערמאַכט . קיין אויג זעהט ניכט . פערשאַף אונז דאָס איינציגע פערגעניגען . (זיא שמייסט זייא אַוועג מיט איהרע האַנד) : ווען דיא וועסט אונז יעצט ניכט צו ליעב טוהען , זאָלסט דיא וויסען , דאָס מיר ריכטערס וועלען אויף דיר עדות זאָגען , דאָס מיר האָבען געזעהען וויא דיא האָסט דאָ געזינדיגט מיט אַ פרעמדען מאַנספערזאָהן , דאַדורך האָסט דיא פלייסיג אַרויסגעשיקט דיינע ביידע דיענסטען .

וועה איז מיר ! — ביטערט שושנה — אַ גרויס אונגליק האָט מיך יעצט געטראָפען . ווען איך וועל דיא גרויסע זינד טוהען , קומט מיך צו טויטען , אונ ווען איך וועל זייא ענטזאַגען , ווער וועט מיך נאָכדעם פון זייערע בלוטיגע האַנד אַרויסרעטען ? ניין ! עס איז מיר ליעבער אַריין צו פאַלען מיט מיין שטאָרבליכען קערפּער אין אַ מענשליכע האַנד , וויא צו פערזינדיגען מיינע זעלע פאַר גאָט . (זייא ווילען זיא אָננעמען מיט געוואַלד . זיא שרייט זעהר שרעקליך) : געוואַלד ! יהויקים ! רעטונג ! געוואַלד ! (חלקיהו הדסה, יהויקים , מיט אַלע הויז מענשען , זענען אַריינגעקומען צו לויפען זעהר דערשראָקען . שושנה פאַלט חלשות אויף דיא ערד . אַלע מינטערן זיא ביז זיא איז צוריק געקומען צו איהר פערשטאַנד . מען טראָגט זיא אַריין אין איהר וואָהנונג . איהר קלאַגען איז אומנאַטורליך) .

געעהרטע ריכטערס ! — פראָגט זייא חלקיהו — וואָס איז דאָ מיט מיינע איינציגע טאָכטער געשעהען ?

הייליגער חלקיהו ! — ערצעהלט אבשלום — אַזוי וויא אייער נאָהמען איז ביי אונז זעהר טהייער , האָבען מיר זיך צייט גענומען צו דערגעהן דאָס וואָס מען האָט אונז ערצעהלט , דאָס אייערע טאָכטער שושנה , גיבט זיך אָב מיט פרעמדע מאַנספערזאָהנען . מיר האָבען זעהר חס געהאַט אויף אייער כבוד , דאַדורך האָבען מיר דאָס ניכט איבער געגעבען אונזערע גע-היימפאָרשערס , נור מיר האָבען זיך זעלבסט בעהאַלטען אונטער דיא ביימער , אונ מיר האָבען לייַדער געזעהען וויא שושנה שיקט פלייסיג אַרויס איהרע ביידע דיענסטען , אונ זיא זינדיגט מיט אַ פרעמדען יונגערמאַן . מיר האָבען זיא אָנגעהויבען צו בעליידיגען . דער פרעכער יונגע איז שנעל אַנטלאָפען . אונ שושנה איז פון גרויס שרעק אונ שאַנדע חלשות געפאַלען .

ענדע וועלט ! — שטאָרמט יהויקים אונ פערברעכט זיינע האַנד —

שושנה, דעם הייליגען חלקיהו'ס איינציגע טאָכטער, זאָל זיך ערלויבען צו טוהען דיא שרעקליכע זינד? וויא גליקליך איז זיא געוועזען, ווען זיא האָט מיך געטראָפען לערנען דאָס זיבענטע קאַפּיטאַל פון משלי, וויא דער קעניג שלמה בעשמוצט דיא פרעכע פרויא. צום סוף זאָל זיא אַליין זיין דיא זעלבע? איך שעהם מיך צו קלאָגען פאַר דעם הימעל אויף מיין שאַנדליכען אונגליק. איך געה ליעבער אַריין אין מיין קאַבינעט וויינען און קלאָגען אויף מיין פער-ביטערט לעבען. (דער פּרעזעס פון ריכטהויז מיט צוויא אַלטע ריכטערס קומען אַריין אין גאָרטען).

אבשלום! אלישמע! — רופט זייא דער פּרעזעס — איהר ביידע האָט אַליין געזעהען שושנה'ן זינדיגען מיט אַ פרעמדען מענש?

מיר — ענטפערן ביידע — האָבען דאָס אַליין געזעהען.

צו איהר — פראָגט דער פּרעזעס — קאָנט אויף דעם הייליג שוועהרען?

געווים — ענטפערן ביידע — מיט אַ ספר-תורה אין האַנד.

יהויקים! — זאָגט דער פּרעזעס — רופט שנעל אַריין אייערע פרויא שושנה. (יהויקים געהט אַרוים).

דיא וועלט — ביטערט חלקיהו — ווייסט, וויא ריין, וויא אָבגעהיטען מיין מויל איז. פון דעם זעלבען מויל געה איך יעצט אַרויסגעבען מיינע ערשטע קללה. ווען מיין איינציג קינד איז ווירקליך ריין פון דיא זינד, זאָל אויף אייך ביידע קומען אַלע שרעקליכע קללות, וואָס מען האָט זייא פער-צייטענס געהערט אויף דעם באַרג עיבל.

אָבער — ענטפערט אַבשלום זעהר ענערגיש — ווען דאָס איז ווירקליך וואָהר, זאָל אויף אונז קומען אַלע ברכות וואָס מען האָט זייא געהערט אויף דעם באַרג גרזים. (יהויקים קומט אַריין מיט שושנה).

שושנה! — זאָגט דער פּרעזעס — מיר בעשוועהרען דיך בייא דעם גרויסען אַלמעכטיגען גאָט פון אברהם יצחק און יעקב, דיא זאָלסט פאַר מיר פּרעזעס פון אַלע ריכטערס, דיא גאַנצע וואַהרהייט ענטדעקען.

איך — זאָגט שושנה קניענדיג און אויפהייבענדיג איהרע האַנד צום הימעל — שוועהר פאַר אייך בייא דעם אַלמעכטיגען גאָט יו"ד ה"א ו"ו [illegible]

זאָס זעהט אַלע פערבאָרגענהייטען, דאָס עס וואַהר דאָ בייא מיר קיין מאַנספערזאָהן, אויסער דיא צווייא אונפערשעהמטע ריכטערס, וואָס האָבען מיך געצווינגען, איך זאָל מיט זייא דיא גרויסע זינד טוהען. גאָט זייא דאַנק, וואָס דורך מיין הויבען געשרייא בין איך פון דיא צווייא געפּאָדערליכע טהיערע געערעטעט געוואָרען. זייא האָבען מיך גלייך געסטראַשעט דאָס זייא וועלען אויף מיר פאַלש עדות זאָגען. (זיא הייבט זיך אויף פון דיא ערד, אונ צייגט אויף דיא ריכטערס מיט זעהר א פייערדיגען צאָרן) זייא זענען יודישע ריכטערס? (זיא שפייט אוים): פּפויא! הונדשלעגערס ברויכען זייא זיין. וואַלד-טהיערע. הענקערס.

דיא — ענטפערט אבשלום — בּיסט פאַלש אונ דיינע שבועה איז פאַלש. עס זעהט אוים, דאָס דיא האָסט דיא זעלבע נשמה וואָס פּיטיפרע'ס פרויא האָט געהאַט. זיא האָט אויך געזאָגט אויף יוסף הצדיק, דאָס ער האָט זיא געצווינגען צו זינדיגען מיט איהם, נור ער האָט זיך דערשראָקען פאַר איהר שרייען.

גאָט — זאָגט אלישמע זעהר בעגייסטעט — זאָל אונז היטען פון אַ זאָלכע שלעכטע געדאַנקען, וואָס אויך דיא ניעדריגע בּיליגע מענשען היטען זיך פאַר זייא. וויא האָסט דיא אונפערשעהמטע פרויא קיין מורא ניכט פאַר דעם יודע-תעלומות, צו זאָגען אויף זיינע דינים אַזויא אַ שמוטציגען בלבול?

דער זעלבער יודע-תעלומות — ענטפערט שושנה — וועט זיכער בעשטעטיגען מיין הייליגען פאָטערס קללה, וואָס איך האָב דורך דעם פענסטער געהערט, דאָס אַלע פערצייטישע קללות פון בּאַרג עיבל, זאָלען פאַלען אויף דעם זינדיגענס קאָפּף.

שושנה! — זאָגט דער פּרעזעס — דיא צווייא ריכטערס אַבשלום אונ אלישמע זענען בעקאַנט פאַר זעהר עהרליכע מענשען, אונ לויט געזעטץ, מוסען מיר צונעמען זייער עדות זאָגען, אונ דיך אויף דעם פייער ברענגען.

געוואַלד! — וויינט הדסה זעהר בּיטערליך — וואָס ווילען דיא צווייא פאַלשע מערדערס פון מיין איינציג קינד האָבען? וועל איך דען קאָנען לעבען איין טאָג אָהן מיינע איינציגע וועלטבערוהמטע טאָכטער?

אונשולדיג! — שרייט שושנה — וועל איך אויף דעם פייער אַ אונשולדיגער אָפּפער זיין. ליעבער גאָט! ווען דיא וואַהרהייט קאָן ניכט אַרויס-

קומען בייא מיין לעבען, בעט איך דיך, דיא זאלסט זיא אַרויסברענגען נאך מיין טויט. נור דאמאלס וועלען מיינע פערברענטע ביינער רוהען אין קבר. ערבאַרמדיגער גאָט! אַזויא וויא דיא האָסט אונזער פריינד דניאל גערעטעט פון לייבענגרוב, זאָלסט דיא מיך אויך רעטען פון דעם שאַנדליכען גרוב, וואָס דיא צוויא פאַלשע ריכטערס האָבען פאַר מיר געגראָבען. (זיא האַפט אָן יהויקים'ס האַנד): אונ דיא ליעבער מאַן, זאָלסט ניכט דענקען, דאָס איך האָב אין דיר געפעלשט. ניין! גאָט איז מיין צייגע, דאָס דיא צווייא פאַלשע ריכטערס האָבען מיך געצווינגען, איך זאָל זייא אַוועגגעבען מיינע עהרע וואָס געהער נור צו דיר, אונ ווייל איך האָב זייא אַוועגגעשמיסען פון מיר, ווילען זייא מיך אויף דעם פייער ברענגען.

רבונו של עולם! — ביטערט הדסה — ערבאַרם דיך אויף מיינע אויך אויף מיין היילוגען מאַנס עלטערע יאָהרען. אַזויא וויא דיא האָסט אָנגעזאָגט דאָס פייער פון קאַלבאויפען, עס זאָל ניכט פערברענען אונזער היילוגען פאָטער אברהם. זאָלסט דיא אויך אָנזאָגען דאָס פייער, עס זאָל ניכט פערברענען דעם ערליכען שיינעם קערפער פון אונזערע איינציגע אונשולדיגע טאָכטער.

וויין ניכט ליעבע פרויא — טרייסט זיא חלקיהו — אין דעם זכות פון מיין תורה. אויך אין דעם גרויסען זכות פון דעם היילוגען דוד המלך אונ עלי הכהן וואָס מיין טהייערער שוויגערזאָהן קומט פון זייא אַרויס, וועט דיא וואַהרהייט שנעל ערשיינען, אונ אונזער איינציג כשר קינד, וועט לעבען בלייבען. דניאל קומט גלייך אַהער, איך האָב נאָך איהם פלייסיג געשיקט, ער וועט מיט זיין רוח־הקדש צייגען דיא ריכטיגקייט פון מיין פערשעהמט קינד.

גאָט — זאָגט אלישמע זעהר דרייסט — איז אמת. אַלע זיינע דינים זענען אמת, אונ מיר ווילען אויך ניכט מעהר נור דעם אמת.

אדרבה — זאָגט אַבשלום — זאָל זיך דניאל אַריינמישען אין דעם. דער רוח־הקודש וועט איהם שוין זיכער צייגען, דאָס מיר זענען ריין פון דעם פאַלשען בלבול, וואָס דיא אונפערשעהמטע פרויא האָט אויף אונז אויסגעטראַכט.

פאַלשע פיקסען! — שרייט שושנה אונ טיפעט מיט איהר פוס — וויא בעזיצט מען אַזויא אַ פאַלשע צונג? דער גאָט וואָס זיין זיגעל איז דער אמת,

זאָל פון אײַך פאָדערן מײַן אונשולדיג בלוט. אַזױא װיא דער הײליגער דָוִד הַמֶלֶךְ ענדיגט דאָס דרײַאונזיבציגסטע קאַפּיטעל פון זײַן סֵפֶר תְּהִלִּים: „יִסָכֵר פִּי דוֹבְרֵי שָׁקֶר”. עס זאָל פערשטאָפּט װערען דאָס מויל פון דיא פאַלשע רעדנערס. (דניאל קומט אָן מיט צװײא סאָלדאַטען. שושנה מיט איהרע עלטערן פאַלען פאַר זײַנע פיס מיט זעהר אַ ביטערליך געװײן).

בערוהיגט אײַך — זאָגט דניאל — הײבט אײַך אויף. אײן פינק אֱמֶת פערטרײַבט אַ גאַנצע שטוב פינסטערניס. דיא שאַנדליכע געשיכטע האָט בענויא אַלע מײַנע נערװען צורידערט. נור מיט גאָטעס הילף װעט דיא װאַרהײט אַרויסקומען װיא בוימעהל אויף דעם װאַסער. (דניאל זעצט זיך אויף דיא באַנק, אונ מיט זײַן בעפעהל זעצט זיך דער פרעזעס נעבען איהם): סאָלדאַט! פיהר אַװעג דעם ריכטער אַבשלום צו יענעם בוים. (דער סאָלדאַט פיהרט איהם שנעל אַהין). יעצט זאָג מיר אלישמע ריכטיג, אונטער װעלכען בוים האָט שושנה מיט דעם יונגערמאַן דיא זינד געטוהען?

אונטער יענעם אײַכענבוים — ענטפערט אלישמע צײַגענדיג אויף דעם בוים — װאָס שטעהט נעבען טײַך.

זאָג מיר — פראָגט דניאל — דיא פיזיגנאָמיע פון דעם יונגערמאַן. אַ שװאַרצער אָדער אַ װײַסער? אַ הויכער אָדער אַ נידריגער? אויך װאָס זענען זײַנע קלײדער געװעזען?

דער יונגערמאַן — ענטפערט אלישמע זעהר דרײסט — װאַהר אַ נידעריגער. אַ שװאַרצער. אין שװאַרצע זײַדענע קלײדער.

סאָלדאַט! — זאָגט דניאל — פיהר אַװעג דעם ריכטער צו יענעם בוים, אונ זאָג יענעם סאָלדאַט ער זאָל אַהער ברענגען דעם ריכטער אבשלום. דיא זאָלסט זעהען דיא צװײא ריכטערס זאָלען צװישען זיך גאָרניכט רײדען. (ער פיהרט איהם אַהין. אונ אַבשלום קומט צוריק מיט זײַן סאָלדאַט). זאָג מיר יעצט, אבשלום! װיא דער יונגערמאַן האָט אויסגעזעהען. אַ װײַסער אָדער אַ שװאַרצער? אַ הויכער אָדער אַ נידעריגער? אויך װאָס פאַר אַ אַנצוג איז ער געגאַנגען?

אַ װײַסער — ענטפערט אבשלום — אַ הויכער. אין אַ גרינעם בוים־װאָלענעם אַנצוג. (אַלע װערען זעהר אונרוהיג).

רוהיג! — שרייט דניאל — זאָג מיר אבשלום! אונטער וועלכען בוים איז דאָס געשעהען?

דאָס — ענטפערט אבשלום — איז געשעהען אונטער יענעם צעדערבוים.

יעצט — זאָגט דניאל — זעהט זייער פאַלשקייט. זאָגאַר אין איין זאַך האָבען זייא זיך ניכט פעראייניגט. דער האָט געזאָגט אַ ווייסער, אונ דער אַ שוואַרצער. דער הויך, אונ דער ניעדעריג. דער שוואַרצע זיידענע קליידער, אונ דער גרינע בוימוואָלענע. דער אונטער אַ איכענבוים, אונ דער אונטער אַ צעדערבוים. שרעקליך! אונזערע איינענע ריכטערס זענען ליידער הולטאַיעס אונ פאַלשע צייגע.

ערבאַרמדיגער גאָט! — שרייט דער פרעזעס מיט אַ ציטערע שטימע — אונזערע יודישע שופטים שוועהרען אונ זאָגען פאַלש עדות? אונזערע הייליגע ריכטערס שרעקען זיך ניכט פאַר דיא זינד פון אַ אשת־איש? ווער זאָל דאָס גלייבען, דאָס אבשלום אונ אלישמע, וואָס דיא וויכטיגסטע פראָצעסען האָב איך זייא איבערגעגעבען, זייא זאָלען זיך ערלויבען צו טוהען דיא גרויסע זינד? זייא זאָלען זיך ערלויבען פאַלש צו שוועהרען, מען זאָל פערברענען אַ עהרליכע אונשולדיגע פרויא. איין איינציג קינד ביי איהרע הייליגע עלטערען? לויט געזעטץ קומט מען זאָל זייא בעשטראָפען מיט איהר שטראָף.

סאָלדאַט! — זאָגט דניאל — ברענג אַהער דעם סאָלדאַט מיט אלישמע. (ער לויפט אונ ברענגט זייא צו). אלישמע! אבשלום זאָגט, דאָס דיא האָסט איהם צו דעם צוגערעדט?

איך איהם? — שרייט אלישמע — אין געגענטהייל, ער האָט מיר דעם ראַטה געגעבען.

יהי שם ה׳ מבורך! — זאָגט דניאל אויפהייבענדיג זיינע האַנד צום הימעל זעהר פערגייסטערט — דיא וואַרהייט האָט יעצט גאַנצליך ערשיינט וויא דיא זאָנן אין תמוז. סאָלדאַטען! פיהרט גלייך דיא צווייא אונפערשעהמטע ריכטערס אין דעם גרינעם קערקער פון פעסטונג. איך וועל דאָס גלייך פאָרשטעלען דעם קייזער דריוש, ער זאָל אונטערשרייבען זייער טויט, מקיים צו זיין דיא מצוה „ובערת הרע מקרבך". דיא זאָלסט אויסרייניגען דעם שלעכטען פון דיר.

ערבאַרמדיגער פירשט! — וויינען דיא ריכטערס פאַלענדיג פאר זיינע פוס — ערבאַרם דיך אויף אונזערע יונגע יאָהרען. ערבאַרם דיך אויף אונזערע אונגליקליכע פרויען. ערבאַרם דיך אויף אונזערע עלטערען. מיר האָבען לײדער ניכט געקאָנט קעמפפען געגען אונזערע הייסע נאַטור.

מערדערס! — צאָרנט דניאל — איהר זענט דאָך פיעל געפאֶהרליכער פאַר דיא ווילדע טהיערע. איך דניאל בין געזעסען אין דעם שרעקליכען לײבענגרוב, אונ האָב מיט מײנע אײגענע אויגען געזעהען, וויא דיא ווילדע אויסגעהונגערטע טהיערע, האָבען געשטרײט געגען זײער בײזער אינסטינקט. אונ איהר יודישע ריכטערס, האָט ניכט געקאָנט לעשען אײערע הייסע נאַטור? נײן! קיין מיטלייד! פון היער אין קערקער, אונ פון קערקער צום פייער.

מיר — זאָגט חלקיהו מיט אַ פריילויך געוויין — ברויכען דעם פירשט דניאל ניכט אַכטען אַלס מענש, נײן, נור אַלס ערבאַרמדיגער ענגעל פון הימעל. געלויבט איז דער גאָט פון דניאל! (דיא ריכטערס צוויא יונגע פרויען קומען אַריין צו לויפען).

וואָס — פראָגען דיא פרויען זעהר אויפגערעגט — איז דאָ מיט אונזערע מאַנער געשעהען?

אײערע הײליגע מאַנער — ענטפערט שושנה — שיקט מען אַרויף אין הימעל אַרײן מיט אַ פײערדיגע עקיפאַזש, וואָס איך האָב געזאָלט אין איהר פאָהרען.

וואָס הײס דאָס? — פראָגט אַ פרויא — צו איהר שפּאָסט פון אונז?

איך — ענטפערט שושנה — שפּאָס ניכט. לויט געזעטץ קומט זייא צופערברענען. איהו' ברויכט בײדע גאָט דאַנקען וואָס איהר ווערט זײערע פּטור.

סאָלדאַטען! — זאָגט דניאל — פיהרט זייא שוין אין דעם קערקער אַרײן. איך געה צום קײזער ער זאָל זײער טויט אונטערשרייבען.

מיטלײד — וויינט אבשלומ'ס פרויא פאַלענדיג צו זײנע פוס — רחמנות אויף מײנע יונגע יאָהרען.

גרויסער פירשט! — ביטערט אלישמע'ס פרויא פאַלענדיג צו זיינע פוס — זייט איהם דאָס ערשטע מאָהל כוחֵל.

איך — ענטפערט דניאל — קאָן אייך ניכט העלפען. לויט דעם קייזערליכען געזעטץ קומט אייערע אונפערשעהמטע מאַנער צו פערברענען, ווען גאָט וויל אויף זייא רחמנות האָבען, קאָן ער זייא פון פייער רעטען, אזויא וויא ער האָט מיך פון לייבענגרוב געקעטעט. סאָלדאַטען! דיא צייט איז טהייער.

(אלישמע'ס פרויא זינגט): מיינע יאָהרען ווערען יעצט פיל מיט לייד
(שושנה ענטפערט): אונ מיינע יאָהרען זענען פיל מיט פרייד.
(אבשלום'ס פרויא): דיא זאָנן פון מיין לעבען געהט אונטער
(הדסה): אונ איך בין יעצט פריילי֗ך אונ מונטער.
(אלישמע): מיינע יונגע יאָהרען האָב איך פערלוירען
(חלקיהו): פאַר וואָס האָט איהר פאַלש געשוואָהרען?
(אבשלום): איך וועל ווערין פערברענט אין פייער
(אלע): וויל יענעמס קינד איז בייא אייך ניכט טהייער.

(דניאל גיבט זיין צייכען. דיא סאָלדאַטען הייבען אָן אַרויסשלעפען דיא צווייא ריכטערס. אין דיא זייט שטעהען זייערע פרויען אונ וויינען זעהר ביטערליך, אונ אין דיא צווייטע זייט שטעהט הדסה מיט שושנה'ן אונ טאַנצען זעהר פריילי֗ך. חלקיהו פאַלט אַרויף אויף דניאל'ס האַלז, אונ קושט איהם זעהר דאַנקבאַר, אונ זאָגט: „אור זָרוּעַ לַצַּדִּיק וּלְיִשְׁרֵי לֵב שִׂמְחָה"! דיא פאָרהאַנג פאַלט).

פִינְפְטֶער אַקְט.

(אין דעם גרויסען געריכטהויז אין בָבֶל, בייא אַגרויסען האַלבּרונדען טיש, זיטצען דרייא אַלטע ריכטערס. לינגס זיצט דער פּראָקאָראָר. אונ דעבנס שטעהט אַ פערטהיידיגער. צווישען דיא פערשידענע מענשען וואָס זיטצען אויף דיא בענק, זעהען מיר דיא בעקאַנטע פערזאָהנען: חלקיהו מיט

זַיינֶע פרויא הדסה. שושנה. יהוידע'ס געֶגֶטֶע פרויא וַשְׁתִּי. זַיינֶע יֶעצטִיגֶע יונגֶע פרויא פּוּעָה. אויךְ דעֶר פִירשט דניאל. דעֶר פּרעֶזעֶס גִיבּט אַ האַסטִיגֶען קלִינג, בּרעֶנגעֶן צווייא געֶוואָפּעֶנטעֶ סאָלדאַטעֶן אַריין דִיא צווייא אַרעֶסטאַנטעֶן יהויקים מִיט יהוידע'ן געֶשמִידט אִין אַייזעֶנעֶ קייטעֶן. זייעֶר פָּנִים ווייס ווִיא קאַלךְ. דִיא אויגעֶן שוואַרץ פון טרעֶרעֶן. זייא שעֶהמעֶן זִיךְ אַ בּלִיק צו געֶבּעֶן צום פּוּבּלִיק).

דאָס פּראָצעֶס — רופט דעֶר פּראָקוּראָר — הייבּט זִיךְ שוין אָן. בִּיטעֶ רוּהִיג צו זיין. (דעֶר פּרעֶזעֶס נעֶמט דעֶם אַקט אִין האַנד אִיג לעֶזט):

„דעֶר געֶרִיכטספאָרשעֶר האָט עֶרקלעֶהרט, דאָס יהויקים, לעֶנגסט אֱלִיאָב,
„בּוּ'ויךְ ווערעֶן בּעֶשטראָפט לויט דעֶם פּאַראַגראַף זִיבּעֶנהונדעֶרט אַיינס. דאָס
„הייסט, צעֶהן יאָהר געֶפֶענגעֶנִיס מִיט בּלויס בּרויט אונ וואַסעֶר. ווייל עֶר
„האָט זעֶהר בּאַרבּאַרִיש געֶפּעֶלשט אִין זיינעֶ עֶרשטעֶ פרויא דלילה. עֶר האָט
„אִיהר אַוועֶגגעֶרויבּט אִיהר גאַנץ פעֶרמעֶגעֶן. זאָגאַר דִיא בּרִילִיאַנטעֶן פון
„אִיהר צִירונג האָט עֶר אויסגעֶטוישט מִיט פאַלשעֶ שטיינעֶר, אונ האָט אִיהר
„געֶשִיקט זאָגעֶן, דאָס דִיא ווִילדעֶ טהִיערעֶ האָבּעֶן אִיהם אִין וואַלד אויפגעֶפרעֶסעֶן.
„נאָכדעֶם האָט עֶר זִיךְ אַ פאַלשעֶן נאָהמעֶן געֶגעֶבּעֶן יהויקים, אונ האָט געֶהייראַט
„מִיט חלקיהו'ס אַיינצִיגעֶ טאָכטעֶר שושנה. דעֶם אַלטעֶן שַׁדְּכָן יהוידע האָט
„דעֶר זעֶלבּעֶר געֶרִיכטספאָרשעֶר געֶהייסעֶן רִיכטעֶן לויט דעֶם פּאַראָגראַף עֶלף־
„הונדעֶרט זִיבּעֶן. דאָס הייסט, עֶר זאָל זִיצעֶן אִין געֶפֶענגעֶנִיס צווייא יאָהר.
„אונ אַיינמאָהל אִין דִיא וואָךְ זאָל מעֶן אִיהם פִינפצִיג שמִיץ געֶבּעֶן. אַלעֶס
„וואָס עֶר פעֶרמוגט געֶהעֶרט צו זיינעֶ אַלטעֶ געֶוועֶזעֶנעֶ פרויא וַשְׁתִּי (וַשְׁתִּי
„גִיבּט אַ טאַנץ אויף דִי בּאַנק פון גרויס פרייד). אונ יהויקים'ס גאַנצעֶ פעֶרמעֶגעֶן
„געֶהעֶרט צו זיינעֶ פאָרִיגעֶ פרויא דלילה".

אִיךְ — עֶנטפעֶרט דעֶר פעֶרטיידִיגעֶר — פּראָטעֶסטִירעֶ אויף דעֶם געֶרִיכטספאָרשעֶרס דעֶקרעֶט, אונ פעֶרלאַנג, מעֶן זאָל יעֶצט אויסהאָרכעֶן דִיא אַלעֶ וואָס געֶהעֶרעֶן צום פּראָצעֶס.

יהוידע! — רופט דעֶר פּרעֶזעֶס — זאָג דִיא רִיכטִיגעֶ וואַהרהייט. ווִיא פאַלסט דִיא אויס צו מאַכעֶן אַזאָלכעֶ שמוטצִיגעֶ שווִינדלעֶרייעֶן? אויךְ זאָג צו דִיא בּעֶשטעֶהסט אויף דעֶם פְּסַק פון געֶרִיכטספאָרשעֶר?

בְּנֶאֱמָנוּת — עֶנטפעֶרט יהוידע אַרויפלייגעֶנדִיג זיינעֶ האַנד אויף זיין האַרץ — אִיךְ מיין הֶן־צֶדֶק, דאָס נאָר מיינעֶ געֶוועֶזעֶנעֶ אֲרוּרָה וַשְׁתִּי. (עֶר

צייגט אויף איהר מיט זיינע האַנד): אָט יענע אַלטע כַּלְבְּתָא, ברויך זיטצען דיא צוויא יאָהר אין געפענגעניס, אונ מען זאָל זיא מְכַבֵּד זיין ניכט איין מאָהל אין דיא וואָך מיט פונפציג שמיטץ, נור טאָג טעגליך (וַשְׁתִּי ווארפט זיך וויא אַ כייזער שלאַנג אויף איהר אָרט, אונ צייגט איהם איהרע פויסט). וויל זיא האָט שטענדיג געקלעבט וויא אַ בייזע פּייאַווקע אונטער מיינע אויערען, אונ האָט מיין בלוט געגאָגט אונ געגאָגט, געגאָגט אונ געגאָגט, אָהן אויפהער. אָהן יאַנדעס. אָהן רַחֲמָנוּת. וויפיל מאָהל האָט זיא מיר דיא פערוסטע טאָפּ פון קוימען געוואָרפען, וויל איך האָב איהר אַזויא שנעל קיין געלד געגעבען. אויבוואָהל איך ברויך דאָס ניכט ערצעהלען אין געגענווערט פון מיינע צווייטע פרויא, נור וואָס קאָן איך טוהען, ווען איך מוס מיך מיט דעם פערטיידיגען, אונ ערקלעהרען, דאָס דיא נויט בראַכט אַייזען? איך בין איינמאָהל אַהיים געקומען שפּעט אין דיא נאַכט זעהר הונגעריג, זעהר פערמאַטערט, פון צוויא שוועהרע מְחוּתָּנִים וואָס האָבען זיך ניכט געקאָנט אויסגלייכען, אויסער דעם וואָס זיא האָט מיר ניכט איבער געלאָסט אַ שטיקעל טרוקען ברויט לְהַחֲיוֹת אֶת נַפְשִׁי, האָט זיא מיך נאָך אָבגעצוואָגען פון קאָפּ ביז פוס מיט דעם היגיענישען פּאָמעשאַף ווי אַ רעגען. אונ איהר מויל האָט אַ גאַנצע נאַכט געדאָנערט אונ געבליצט מיט פערשידענע קְלָלוֹת. יאָ, רַבּוֹתַי! די אַלטע מְאוּס'ע כַּלְבְּתָא יִמַּח שְׁמָהּ, האָט מיך אַזויא געפייניגט, אַזויא געדרוקט, אַזויא געפרעסט, ביז איך בין געצוואונגען געוועזען צו טוהען, גאָט ווייס וואָס, צו ליעב פַּרְנָסָה, אַביא צו פערשטאָפּפען איהר גֵיהִנֹּם'דיג מויל. איך בין זיכער דאָס ווען דער זעלבער געריכטספּאָרשער איז אויף מיין אָרט, וואָלט ער אויך געניייט געוועזען צו טוהען דאָס זעלבע וואָס איך האָב געטוהען. יעצט זאָגט געעהרטע ריכטערס אַליין, וועהמען קומט דער ביטערער פְּסַק, ניכט דיא אַלטע מְכַשֵּׁפָה? ניכט דיא אויסגעלאַסענע מאַלפע?

אונ דיא — פראָגט דער פּרעזעס — האָסט איהר אַלעס פערשוויגען?

וויא דען? — ענטפערט יהידע — אַדְּרַבָּה, זאָל דיא יִמַּח־שְׁמָהּ'ניצע אַליין זאָגען, צו איך האָב ניכט צו איהר געהאַט אַ ליעבע וויא אַ היטציג יונג בָּחוּר'על פון אַכצעהן יאָהר? פאַר צוויא יאָהר ראֹשׁ־הַשָּׁנָה, האָב איך איהר געבראַכט אַ גאַנץ טעפּעלע קורשענאייגגעמאַכטס. ווען זיא איז געליגען אין קינדבעט, האָב איך מיך ניכט געמאוס'ט צו טראָגען פון איהר, עס פּאַסט ניכט צו זאָגען וואָס. איך בעט אייך אַלע מְחִילָה, אויף אַלע איהרע צעהן פינגער פון איהרע קאַטשענע פוס, האָט זיא זעהר מיגעלדיגע אָטשיס-

קעס, וואָס קוקענדיג אויף זייא ווערט פּשוט ניכט גוט. און איך האָב איהר יעדע וואָך געשניטען דיא אָטשיסקעס, וואָס דורך מיין אֱמֶת ליעבשאַפט צו איהר, האָבען זייא אויסגעזעהען אין מיינע אויגען וויא דיא טהייערסטע אָרלע־אַנסקע פּערל. אויף דעם אַלעם איז זיא ניכט געוועזען קיין מֵבִין. איך האָב איהר געוויזען אַ פָּנִים פון אַ יונג ליעב פאַצעטעלע נומער איינס, און זיא האָט מיר שטענדיג געוויזען אַ חָלִירעדיג פָּנִים וויא אַ קוה נאָך דעם מעלקען...

געניג שוין — שרייט דער פּראָקוראָר — גענוג אונז בעליידיגט מיט דיינע שמוטציגע קונסטוואָרטער.

וַשְׁתִּי! — רופט דער פּרעזעס — אַהער. (זיא לומט צו): צו דיא האָסט געהערט וויא דיין געוועזענער מאַן האָט דיך חאַראַקטעריזירט פאַר אונז?

איך — ענטפערט וַשְׁתִּי — בין ניכט טויב. גלייבט מיר בְּנֶאֱמָנוּת, דאָס איך בין נאָך קיין איינציג מאָהל געוועזען בייא אַ אויערען־דאָקטאָר. מיינע מאַמע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, ווען איך בין נאָך דאַמאָלס געוועזען אַ קליינטשיק מיידעלע, איך האָב דאַמאָלס געקאָנט אַלט זיין אֶפְשֶׁר זעקס אָדער זיבען יאָהר, איז איהר לֹא עָלֵינוּ אַריין אין ריכטען אויער מיט איין מאָהל צווייא ריזינדיגע פליייא, וואָס זייא האָבען זיא שְׁעוּר ניכט טויב געמאַכט מיט זייער טאַנצען און האָפּסען וויא אונזערע פאַצעטעלעך אויף אַ חֲתוּנָה. איך געדענק נאָך גלייך עס וואָלט יעצט געוועזען, וויא מיין היילינער טאַטע עָלָיו הַשָּׁלוֹם, האָט איהר אַריינגעשפּריצט, איך געדענק שוין ניכט וואָס, אין דעם זעלבען אויער אַריין, און דיא ביידע פליים נְשָׁמָה איז גלייך נִסְתַּלֵּק געוואָרען. אָבער איך האָב קיין מאָהל געליטען אויף אַ אויער. מיינע אויערען האָבען גאַנץ גוט געהערט אַלע נאַרישקייטען וואָס מיין געגעטערט מענדאַק האָט פאַר איך אָנגעפּלאָדערט. זיינע געמיינע וואָרטער האָבען מעהר גערְאָשט אין מיינע אויערען וויא מיינע מאַמעס צווייא פליייא. וויא אויף שפּילקעס בין איך אויף דיא באַנק געזיצען. דאָס...

געניג — זאָגט דער פערטיידיגער — וַשְׁתִּי! צו דאָס איז ריכטיג וואָס אייער מאַן ערצעהלט, דאָס איהר האָט איהם אַזויא שרעקליך פערביטערט זיין לעבען? זאָגט דיא וואַהרהייט.

וואָס — ענטפערט וַשְׁתִּי זעהר פערדרוסליך — אַרט דאָס דען אייך? צו איך פראָג אייך וויא איהר לעבט מיט אייער ווייב?

וַשְׁתִּי! — זאָגט דער פּרעָזעָס — דיא זאָלסט דעָם פּערטײדיגעָר אַלעָס ענטפּעָרן. מעָן פראָגט דיך ווען דיין מאַן יהודיע האָט געהאַט געלד האָט עָר דיך דאַמאָלס גוט בעהאַנדעלט?

וואָס בעהאַנדעלט? — פראָגט וַשְׁתִּי — איהר מיינט אויב עָר האָט גע־האַנדעלט מיט מיין סְחוֹרָה? חַס וְשָׁלוֹם! איך בין שטענדיג געוועזען אַ אָבּ־געהיטענע יודענע, (עס ווערט זעהר אַגרוים געלעכטער), מײנע טאָכטער זאָלען ניכט בעסער זיין.

ווען — פראָגט דער פּראָקוראָר — עָר האָט געהאַט געלד האָט עָר איך ערנעהרט בְּכָבוֹד?

ערנעהרט בְּכָבוֹד? — ענטפערט וַשְׁתִּי — געפרעגעלטע טייבעלעך מיט פּוטער האָט ער מיר ניכט געגעבען צו עסען. אויף פייגעלפויך בין איך בייא איהם ניכט געשלאָפען. אין וויין האָט עָר מיך ניכט געבאָדען. ער האָט מיט מיר געלעבט וויא גאָט האָט געבאָטען: „פְּרוּ וּרְבוּ וּמִלְאוּ אֶת הָאָרֶץ“. דאָס הייסט: ווידמעט איך, אונ מעהרט איך, אונ לייגט איך ביידע אין דיא אֲדָמָה אַריין.

וַשְׁתִּי! — פראָגט דער פּרעָזעָס — צו ווייס דיא עטוואָס געהיימניסען פון דיין מאַן?

גריזמניסען — ענטפערט וַשְׁתִּי — האָב איך לֹא עֲלֵיכֶם בייא איהם שטענדיג געהאַט אין בויך. וויל איך האָב בייא איהם מעהר געפאַסט וויא געגעסען.

ניכט גריזמניסען — זאָגט דער פּראָקוראָר — נור געהיימניסען, דאָס הייסט, צו דיא ווייסט זיינע סודות?

סודות? — ענטפערט וַשְׁתִּי — יאָ. איך ווייס פון דעם אַלטען נאָך זעהר וויכטיגע סודות. איך רעכען דאָס זיין יעצטיג ווייבעלע ווייסט אויך פון זייא, רופט זיא אויך אַהער.

ערצעהל — זאָגט דער פּרעָזעָס — זאָג אַלעס וואָס דיא ווייסט.

ער — ערצעהלט וַשְׁתִּי — איז לֹא עֲלֵיכֶם זעהר שטאַרק געבראָכען. דאָס איז איהם געקומען פון צו פיעל זאָפען. חאַ־חאַ־חאַ! ער האָט מיר

גֶעוואָלט אֵיינרעֵידֶען אַז דאָס אִיז אַיְרוּשָׁה־פֶעהלֶער. זֵיין קאָפּף זאָל אַזוֹיא לֶעבֶען. אִיךְ האָב אִין דעֶם מעֶהר יְדִיעָה פאַר דעֶם גרעֶסטעֶן דאָקטאָר. נאָךְ אַוויכטיגעֶן סוֹד קאָן אִיךְ אֵייךְ אויסגעֶבעֶן, דאָס עֶר האָט מִיר אַלֵיין געֶזאָגט, דאָב עֶר לאָסט זִיךְ פלֵייסִיג וואַקסען גרויסעֶ נעֶגעֶל, עֶר זאָל אויסקראַצעֶן דעֶם „לֹא תִנְאָף“ פוּן דִיא הֵיילִיגעֶ עֲשֶׂרֶת־הַדִּבְּרוֹת.

געֶנוּג געֶפלאָדעֶרט — שרֵייט דעֶר פרעֶזעֶס — זעֶטץ דִיךְ צוּרִיק אויף דֵיין אָרט. נוּר זֵייא רוּהִיג. דלילה! (וַשְׁתִּי לוֹמט אַוועֶג. דלילה קוּמט צוּ) עֶרקלעֶהרט אוּנז רִיכטִיג אַלעֶס וואָס געֶהעֶר צוּ דעֶם פראָצעֶס.

וועֶר — זאָגט דלילה זעֶהר אויפגעֶרעֶגט — זאָל דאָס גלֵייבעֶן, וועֶהמעֶן קאָן דאָס אַיינפאַלעֶן, דאָס מֵיין מאַן אליאב וואָס רוּפט זִיךְ יעֶצט מִיט זֵיין פאַלשעֶן נאָהמעֶן יהויקים, זאָל אַזוֹיא אַגעֶפאָהרלִיכעֶר מעֶרדעֶר זֵיין? פאַר וואָס אִיז דאָס מִיר געֶקוּמעֶן אַזוֹיא צוּ פעֶראוּנגלִיקעֶן? זֵיינעֶ צְווֵייא גִיפטלִיכעֶ שלאַנגעֶנאויגעֶן האָבעֶן מִיךְ געֶזעֶהעֶן אַלס בִּילִיגעֶ דִיענסט בֵּייא זֵיינעֶ צְווֵייטעֶ פרויא שושנה. עֶרגעֶר וויא דִיא יוּדִישעֶ שקלאַפעֶן אִין עֶגִיפּטעֶן האָב אִיךְ בֵּייא אִיהר געֶאַרבֵּייט. דִיא פאָדלאָגעֶס, דִיא ברוּדִיגעֶ וועֶש, האָב אִיךְ אַלֵיין געֶוואַשעֶן. האַלבעֶ נאַכט, ווען דעֶר קאַלטעֶר מעֶרדעֶר אִיז זִיךְ שוֹין געֶשלאָפעֶן הִיא אַקֵיזעֶר אויף זֵיין טהֵייעֶר געֶלעֶגעֶר, בִּין אִיךְ נאָךְ געֶשטאַנעֶן וויא אַפעֶרמאַטעֶרט עֶזעֶל אויף מֵיינעֶ פוּס, אוּנ האָב נאָךְ זעֶהר שווער געֶאַרבֵּייט. אוּנ אִיסעֶר דעֶם וואָס זֵיין בּאַרבּאַרִישׁ האַרץ האָט נִיכט געֶפִיהלט קֵיין אֵיינצִיגעֶן פִינק רַחֲמָנוּת אויף מִיר, האָט עֶר נאָךְ אויף מִיר אָנגעֶצִינדעֶן אַפאַלשעֶן פֵייעֶרדִיגעֶן צאָרן אִין שושנה'ס האַרץ, מִיט דעֶם וואָס עֶר האָט אִיהר געֶצֵייגט מֵיין לִיעבּעֶ־לִיעד, וואָס אִיךְ האָב צוּ אִיהם געֶשרִיבעֶן, ווען אִיךְ בִּין נאָךְ זֵיינעֶ כַּלָּה געֶוועֶזעֶן, אוּנ האָט אִיהר געֶזאָגט, דאָס אִיךְ האָב דאָס לִיעד צוּ אִיהם יעֶצט געֶשרִיבעֶן, צוּ צֵייגעֶן זֵיין פרוּמקֵייט וויא ווֵייט אָבגעֶהִיטעֶן עֶר אִיז, דאָס עֶר אִיז נִיכט אִין מֵיין נעֶטץ אַרֵיינגעֶפאַלעֶן. שושנה האָט שנעֶל פעֶרלאָשעֶן אִיהר גאַנץ רַחֲמָנוּת פוּן מִיר, אוּנ האָט מִיךְ אַרויסגעֶטרִיבעֶן פוּן אִיהר הויז מִיט זעֶהר אַגרויסעֶ שאַנדעֶ, אוּנ דעֶר קאַלטעֶר מעֶרדעֶר האָט דאָס אַלעֶס צוּגעֶקוּקט מִיט זֵיינעֶ גִיפטלִיכעֶ אויגעֶן, אוּנ האָט קֵיין קרעֶכץ געֶגעֶבעֶן אויף מִיר זֵיינעֶ טרֵייעֶ יֶעהרלִיכעֶ פרויא, וואָס האָט אִיהם בעֶנויא קֵיזעֶרלִיךְ בעֶהאַנדעֶלט. פִיעל מאָהל האָב אִיךְ מוּזִין דוּרכגעֶלעֶזעֶן דִיא זאָאָלאָגִיעֶ פוּן דִיא ווִילדעֶ טהִיערעֶ, נאָר אַזוֹיא אַווִילדעֶ גרויזאַמעֶ טהִיער וויא עֶר אִיז, האָב אִיךְ צווִישעֶן זֵייא נִיכט געֶפוּנעֶן.

אֱמֶת! — זאָגט יהוידע — איך האָב אויך געשראָקען פאַר דעם געפאָהרליכען טיגער, ער זאָל מיך ניכט לעבעדיגערהייט אויפפרעסען. דאַדורך בין איך געצווינגען געוועזען צו טוהען אַלעס וואָס ער האָט מיך געהייסען. אַדְרַבָּה, זאָל דער הייליגער חלקיהו אַליין זאָגען, צו איך האָב ניכט בייא איהם אין שטוב געזינגען אַ ליעד פון אַ פאַלשען פיקס, אונ דעם פָּסוּק פון תְּהִלִּים, וואָס פערגלייכט דעם מענש צו אַ ווילדע טהיער? איך האָב חלקיהו'ן געלייגט דעם פינגער אין מויל אַריין, נאָר צו זיין אונגליק האָט ער דאָס ניכט פערשטאַנען. ווען יהויקים זאָל מיך דאָרט ניכט ציהען בייא מיין קלייד, וואָלט איך דעם גאַנצען שווינדעל אַרויסגעלייגט אויף דעם טיש, איבוואָהל איך וואָלט מיר מיט דעם מיין גאַנץ לעבען איינגעשטעלט.

שׁוֹשַׁנָה! — רופט דער פרעזעס אונ זיא געהט שנעל צו — געוויס האָסט דיא אויך וואָס צו זאָגען?

איך — ענטפערט שושנה — וויל נור בעטען, דאָס דער אונפערשעהמטער מענשענפרעסער זאָל מיך גלייך גטין. יעדע זעקונדע וואָס איך טראָג נאָך אויף מיר זיין שמוטציגען נאָהמען, קאָסט עס מיך פיעל געזונד. אַלע מיינע גלידער אונ נערווין דאַנקען אונ לויבען גאָט, וואָס איך בין ניכט פון איהם שוואַנגער געבליבען.

געעהרטע ריכטערס! — בעט דלילה — איך פערלאַנג אויך דאָס זעלבע, ער זאָל מיך גלייך גטין. גאָט זייא דאַנק, וואָס מיין נאָהמען עֲגוּנָה ווערט אויסגעטווישט מיט דעם נאָהמען גְּרוּשָׁה. (זיא צייגט אויף דניאל'ן): לעבען זאָל דער טהייערער פירשט דניאל, וואָס דורך איהם ווער איך פון מיין פינסטער אונגליק געראַטעט.

פירשט דניאל! — רופט דער פרעזעס — ערקלעהרט אונז ריכטערס, וויא אַזויא איהר האָט דיא זאָנן פון אֱמֶת, אַרויסגעהויבען פון דיא פיעל שוואַרצע שרעקליכע וואָלקענעס?

אין דיא זעלבע צייט — ערצעהלט דניאל — וואָס דיא אונשולדיגע שושנה האָט דיא פרויא דלילה'ן אַרויסגעוואָרפען פון איהר שטוב, בין איך גראַדע דאַמאָלס דורכגעפאָרען אין מיין עקיפּאַזש. אונ וויא איך האָב דערהערט איהר ביטערליך געוויין, האָב איך זיא צוגערופען, אונ האָב זיא געהייסען צו מיר אַ היים קומען. זיא האָט בייא מיר ערצעהלט, דאָס יהויקים קאָן איהר גלייך ניכט קוקען אין איהרע אויגען אַריין. אונ איהר זעליגער

מאַן האָט גראַדע אויסגעזעהן וויא יהויקים. דאָס זעלבע געזיכט, דיא זעלבע הייך. אויך דיא זעלבע שטימע. דאָס אַלעס האָט אין מיר זעהר אַ שטאַרקען איינדרוק געמאַכט. איך האָב זיא געפראָגט אויב זיא האָט נאָך עטוואָס ליגען פון איהר מאַנס האַנדשריפט, אונ זיא האָט גראַדע בייא זיך געהאַט זיינס אַ בריעף. איך האָב בייא מיר אין שרייבטיש אויסגעזוכט דעם בריעף וואָס דער יהויקים האָט מיר לעצטענס געשריבען. אונ האָב געזעהן דאָס דיא האַנדשריפט פון דיא צוויא בריעף איז איינס אונ דאָס זעלבע. אויך האָב איך זיא געפראָגט אויב זיא ווייסט עטוואָס אַ צייכען אויף איהר מאַנס קערפער? האָט זיא מיר געזאָגט, דאָס אויף זיין רעכטען פוס האָט ער אַ שטיקעל פערברענטע הויט. מיט דיא עהרליכע פאַקטען האָב איך געמאַכט אַ וויזיטע בייא יהויקים אין שטוב, אונ האָב איהם געטראָפען זיטצען וויא אַ לאָרד אין זיין רייכען קאַבינעט, האַלטענדיג דאָס פיינע גלעזעלע ווייַן אין האַנד. איך האָב איהם זעהר קאַלטבלוטיג געצייגט זיינע ביידע בריעף, אונ האָב איהם געפראָגט אויב זייא זענען איין האַנדשריפט? זיינע רויטע פערזאָפענע יאַנגען זענען אויגענבליק ווייס געוואָרען וויא קאַלך. אַ פיינערדיגע שרעק איז גלייך דורכגעגאַנגען אַלע זיינע ביינער. ער האָט מיך בעוואָרפען מיט קוש אונ טרערען, אונ האָט מיך געוואָלט איבערקויפען מיט פינפאונצוואַנציג טויזענד טאַהלער, איך זאָל דעם שרעקליכען געהיים ניכט ענטדעקען. איך האָב איהם אַרויסגעגאַרט אויף דיא גאַס, אונ האָב איהם גלייך איבערגעגעבען צו דיא פאָליציא.

יהויקים! — פראָגט דער פּרעזעס — צו דיא האָסט וואָס צו זאָגען?

איין גאָט ווייסט — ענטפערט יהויקים — דאָס איך האָב נאָך יעצט אויך ליעב דלילה'ן וויא אַ מאַן ברויכט ליעבען אַ פרויא. בעפרייט מיך פון דעם פּראָצעס, וועט איהר זעהען דאָס איך געה מיט איהר צוריק וואָהנען.

מיט מיר? — לאַכט דלילה — מיט דעם טייפעל. מיט דעם מַלְאַךְ־הַמָּוֶת.

גלייבט מיר — זאָגט יהויקים — דאָס נור דער אַלטער יהודע האָט מיך אַריינגעפיערט אין דיא טיעפע זומפּף אַריין.

שֶׁקֶר! — שרייט יהודע — דער לומפּ האָט מיך אַליין געפראָגט אַ ראַטה, צו ער זאָל דלילה'ן בייא זיך אין שטוב פערגיפטען. אויך האָט ער מיר ערצעהלט בייא וועלכען גאָלדשמיד ער האָט געלאָסט אַרויסנעמען דיא בריליאַנטען פון איהר צירונג, אונ אַריינזעטצען געמיינע שטיינער.

אַלטער נואָף! — צאָרנט יהויקים אויף איהם — דאָס איז פאַר מיין גוטס?

אַ שוואַרץ יאָהר — שעלט וַשְׁתִּי פּוּעָה'ן — אַ פינסטער גליִמשיק יאָהר אויף דיין עזעל קאָפּף. וויא לאָסט אַ ווייב אַזויא זידלען איהר מאַן?

איך — ענטפערט פּוּעָה — בין איהם יעצט אייך מוחל. איהר קאָנט אייך ביידע אויף איין שטריק אויפהענגען.

בע! בע! — רייצט זיך וַשְׁתִּי מיט איהר — אַ שיינע ריינע כַּפָּרָה, דיא האָסט מיר דעם פעטען ביין אַרויס.ע־זאַפּט, יעצט ווער דיא מיט איהם אליין דערשטיקט צום טויט.

ווערט איהר דערשטיקט — ענטפערט פּוּעָה — איהר האָט שוין גענוג געלעבט אויף דיא וועלט, אונ איך גיה יעצט אַרויס אויף דיא וועלט.

אַ פיגע מיט אָקסענגאַל — שרייט וַשְׁתִּי — איך האָב קינדערלעך, אונ דיא טנוף מיט לעבער.

איך — זאָגט פּוּעָה — וועל נאָך האָבען. איך בין נאָך יונג.

מיט וועהמען? — פרעגט וַשְׁתִּי — מיט נְבִכַדְנֶאצַר'ס קאָזשאָל?

שטיל זאָל זיין! — שרייט דער פּרעזעס — איך וועל אייך גלייך בעשטראָפען.

איך — זאָגט יהוידע — וויל בעטען מען זאָל מיר מיט געבען מיינע פרויא אין קערקער אַריין.

וועלכע — שפּאַסט דער פּראָקוראָר — וַשְׁתִּי'ן אָדער פּוּעָה'ן?

איך ניכט — שרייט וַשְׁתִּי — ער האָט אַ'יין געשריגען אין שושנה'ס שטוב, דאָס אַ גרויש מיט אַ גרוישע קאָנען ניכט זיין אונטער איין דאַך.

איך — זאָגט פּוּעָה — וויל אַ וַדַּאי ניכט. איך האָב ניכט אין דיזע שווינדלערייען דעם מינדעסטען אנטהייל גענומען וואָס איך זאָל דורך זיא ליידען.

חֲצוּפָה! — שרייט וַשְׁתִּי — ווען ער האָלט מיך ניכט געגעט. וואָלט

איך מיט אי ם אפילו אין א מיסטקאסטען אריין געגאנגען. א עהרליכע פרויא ברויכט שוין נדיג זיין איהר מאנס כפרה.

שטיל! — שרייט דער פרעזעס — דער פראקוראר געהט זאגען זיין מיינונג.

לויט — זאגט דער פראקוראר — וויא דיא צייגע האבען יעצט ערקלעהרט, איז דעם גערינטפארשערס פסק נאך צו וועניג. מען קאן ווירקליך דיא צווייא בעשולדיגטע יהויקים אונ יהודע רעכנען אלס ווילדע וואלד-טהיערע, וואס קאנען שוין ניכט אויסבעסערן זייער געפאהרליכען אינסטינקט. דאדורך ברויכען זייא ביז זייערע ענדע זיין פערשפארט אין קערקער, אבגעזאנדערט פון מענשען.

איך — זאגט דער פערטיידיגער — בערעכען אנדערש דיא צווייא אונגליקליכע מענשען. יהויקים האט אויף זיך געהאט זעהר אגרויסען יצר-הרע, דאס איז דער אלטער יהודע, וואס קאן מיט זיין מויל דעם גרעסטען העלד פאנגען. א בעווייז, דאס ער האט יעצט אויף זיין עלטער געקאנט איבערריידען א יונג מעדכען, אונ מיט איהר הייראטען. ער האט דעם הייליגען חלקיהו'ן אויך אזויא בעצויבערט, דאס ער האט גארניכט נאכגעפראגט אויף יהויקים'ען, אונ האט איהם זיינע איינציגע טאכטער אלס פרויא געגעבען מיט צוואנציג טויזענד טאהלער. אויך קאן מען יהודע'ן פערטיידיגען עהרליך, דאס דיא ביטערע נויט מיט נשתי'ס שלעכטע בעהאנדלונג, האבען איהם צו דיא שווינדלערייען געברענגט. עס איז גענוג מען זאל זייא בעידע בעשטראפען מיט געלד, לויט יעדענס קראפטען, ניכט מיט קיין געפענגעניס. אויך איז שוין זייערע גרויסע שאנדע א גאנץ גרויסע שטראף פאר זייא.

דלילה! — פראגט דער פרעזעס — וויפיל גדן האסט דיא איהם אריינגעבראכט? אויך וויפיל זענען דיינע ברילליאנטען ווערטה געוועזען?

צוזאמען — ענטפערט דלילה — פינפצעהנטויזענד טאהלער. (דיא דרייא ריכטערס מיט דעם פראקוראר געהען אריין אין קאבינעט).

נוא פועה-שיא! — רייצט זיך נשתי מיט יהודע'ס צווייטע פרויא — דיא האסט זיכער געמיינט, דאס דער קוגעל וואס דיא האסט מיר אויסגעהאפט איז געפיהלט מיט ראזינקעס אונ מאנדלען. א חליה דיר, דער קוגעל

איז געפּיהלט מיט אָקסענגאַל , אונ פערשלאָגען מיט שלאַנגענאייער . ברעך איהם אוים ! שנעל !

אַלט קאָבעלע ! — שרייט יהודע צו איהר — וואַרט , איך בין נאָך ניכט געשטאָרבען . דיא ווענסט דיך שוין פון מיר שפּעטער אויסרעכטען אַ גוט שוואַרץ יאָהר . (וַשְׁתִּי שטעלט זיך אַרויף אויף דיא באַנק , אונ טאַנצט אונ זינגט) :

עם קרענקט דיך יהודע'לע גוט
אונ איך קיהל מיר יעצט מיין בלוט .
אין קערקער ווענסט דיא זיין פערשפּאַרט
וויל דיא האָסט מיך מיט אַ גט גענאַרט .
מען זאָגט דיר שוין אוים דעם דעקרעט
דאָס איז ערגער פאַר מיין גט .
מיין נְקָמָה'לע איז וויא צוקער זים
דריילאָם ! דריילאָם ! בים ! בים ! בים !
דיא האָסט נאָך געוואָלט שוויצען
מוסט דיא נעבאַך אין קערקער זיצען .
נעם דיר דיינע יוגנע כַּפָּרָה מיט
זאָל זיא דיך זעהען שמייסען מיט אַ רוט .
וויא אַ מאַלפּע זיטץ אין דיא שטייג
יעצט וויז איך דיר יהודע'לע אַ פייג .

(מען קלינגט . וַשְׁתִּי פאַלט פון שרעק אַראָב פון באַנק . דיא ריכטערס קומען צוריק אַריין . דער פּרעזעס לעזט דעם פְּסַק) :

„מיט דעם נאָהמען פון אונזער גרויסען קייזער דָרְיָוֶשׁ , בלייבט יהויקים „זיטצען אין גרינעם קערקער צוויא יאָהר מיט בלוים ברויט אונ וואַסער , „יהודע נור איין יאָהר , אונ איין מאָהל אין מאָנאַט פינפציג שמיטץ . נאָך „דעם זאָל מען זייא עווינ פערשיקען אויף איינעם פון אונזערע ווייטע „אינזלען . אונ ווען זייערע פרויען וועלען זיך מיט זייא ניכט גטין , זענען „זייא פריי פון דעם פערשיקען . פון יהויקים'ס פערמעגען בעקומט דלילה „צעהנטויזענד טאַהלער , אונ דיא רעשטע געהער צו שושנה . אונ יהודע'ס „שטוב זאַבען געהערען צו וַשְׁתִּי'ן מיט איהרע אָרמע קינדער . אונ ווען דיא „פרויען ווילען זיך מיט זייא גטין , ברויך מען יהויקים אונ יהודע'ן צווינגען „צו דעם אומלויף פיעראונצוואַנציג שטונדען“ .

געעהרטער פרעזעס ! — זאגט שושנה — דיא פיראונצוואנציג שטונדען זענען ביא מיר יעצט וויא פיראונצוואנציג יאהר, איך גיב פאר יעדע שטונדע וועניגער, הונדערט טאהלער פאר ארמע יתומים.

ליעבע שושנה ! — ביטערט יהויקים — טהייערע פרויא ! ערבארם דיך אויף דיין אונגליקליכען מאן, צווינג מיך ניכט איך זאל דיך גטין. דיא וועסט טהייער קינד זעהען וואס פאר א גוט לעבען דיא וועסט ביא מיר האבען. שמיים פון דיר ניכט אזעג מיינע ביטערע טרערען.

דיא אונפערשעהמטער בלוטזויגער ! — ענטפערט שושנה מיט זעהר א שרעקליכען צארן — אויך א ניעדריגער קנאבט ביא מיין פאטערס פערד אין שטאל ביסט דיא ניכט ווערט צו זיין, וויא נאך זיינע איינציגע טאכטערס מאן. אלע דיינע זאכען פערברען איך אויף דעם פייער, איך זאל מיך קיין מאהל דערמאנען אין דיין טרפה'נעם נאהמען. איך זאל ניכט געדענקען דיינע אבזרישע רע״ע וואס דיא האסט איבער מיר דרייא טאג נאך דיא פינסטערע האכציים געפרעדיגט אויף דעם פסוק „והוא ימשל בך״. (ער פערברעכט זיינע האנד אונ הייבט אן זעהר ביטערליך צו וויינען).

דלילה־לעבען ! — ביטערט יהויקים — זייא מיר מוחל דיא גרויסע זינד וואס איך האב געגען דיר געזינדיגט, אונ בלייב דיא מיינע. לאס מיך ניכט פערשיקען אויף דעם וויטען אינזעל. גאט וועט דיך פאר דעם בעלוינען.

קאלטער מערדער ! — שרייט דלילה — וויא קומט דער היילינגער נאהמען גאט אין דיין פאלש מויל אריין ? ניין ! אזויא א געפאהרליך בעשעפענים וויא דיא, ברויכען ווירקליך דיא טהירע אין וואלד אויפפרעסען. צווישען דיא ווילדע קראקאדילען פון טייך גאנגוס, אדער נילוס, ברויך זיין דיין ארט, ניכט צווישען מענשען, ניין.

פועה־לעבען ! — זאגט יהודע צו זיינע פרויא — זיס טהייער טייבעלע ! איך בעט דיך, גט דיך ניכט מיט דיין ליעבען מאן. איך וועל דיך בנאמנות בעהאנדלען וויא אדם הראשון האט בעהאנדעלט חוה'ן אין גן־עדן.

גלייב איהם ניכט — ענטפערט נשתי — דער שלאנג וואס האט אנגערעדט חוה'ן, האט ניכט געהאט אזויא א פערשווינדעלטען קאפף וויא דער אלטער מכבר האט. זיין צינגעלע וויקט תמיד אין אנאנצען ביער־פאס מיט שקרים.

אַלטער נַער ! — זאָגט פוּעה צו יהוידע'ן — אויף דיא וועלט האָסט דיא שוין מעהר קיין אָרט ניכט. דיין פערשווינדעלטער קאָפּף האָט שוין דאָ גיכט וואָס אויף צו טוהען. פאָלג מיך אונ פאָר בעסער אַרוים אויף יענע וועלט. דיא וועסט דאָרט ווערען פרעזעס אויף דיא אַלטע בערוהמטע שווינדלערס וויא לָבָן הָאֲרַמִי, דוֹאֵג הָאֲדוֹמִי. דיא וועסט דאָך דאָרט אויך געפונען גענוג מיידלעך. וואָס זייא וועלען זיך פון דיר לאָסען דעם קאָפּף פערדרייען.

יאָ יהוידע — שפּריכט יהוידע מיט אַ ביטערע שטימע — דיא האָסט גוט אויסגעפיהרט דיין וועלט. ערגער וויא געשטאָרבען.

ערגער — ביטערט יהויקים — פיעל ערגער. (דניאל שטעלט זיך אויף אונ זינגט).

וועןְ דער מענש איז אַ אָרגענאַל
פון דיא אֶמֶת'ע ריכטיגע וואהרהייט.
ווערען זיינע נערווען וויא שטאָהל
צו האַלטען געגען שֶׁקֶר שטרייט.

* *
*

וויא אַ אָדלער ווערען זיינע אויגען
וויא אַ ענגעל זיין פערשטאַנד.
מיט גאָט ווערט ער ערצויגען
אונ זעהט אַלעס אין לאַנד.

* *
*

זיינע ריינע בליקען שוועבען
אין דיא גרעסטע פערבאָרגענהייטען.
אונ רעטעט מענשענס לעבען
פון פערשידענע בלוטיגע שטרייטען.

* *
*

ער קוקט אויף אַלע עקען
ער זעהט וואָס געשעהט אומעטום.
אויך לייבען טוהען שרעקען
פאַר זיין אֱמֶת'ין צֶלֶם אֱלֹהִים.

* *
*

דיא מענשליכע פעהיגקייטען
קאנען זיך ענטוויקלען זעהר שיין .
ווען מען איז פון שקר פון ווייטען
און פון שווינדעל איז מען ריין .

* *
*

סאלדאטען ! — רופט דער פראקאראר — פיהרט זייא ביידע גלייך אין גרינעם קערקער אריין . זייערע פאפירען וועלען גלייך נאכקומען . מארגען זאלען זייא גט'ן דיא דרייא פרויען לויט דעם יודישען געזעץ . (די סאלדאטען פירען ארויס יהויקים מיט יהודע'ן, זייער קלאגען איז אומנאטורליך . דיא אלטע נשתי טאנצט און פאטשט מיט דיא האנד פון גרויס שמחה . חלקיהו , הדסה , שושנה , און דלילה שרייען צוזאמען : „געלויבט איז דער גאט פון היילגען פירשט דניאל !" די פארהאנג פאלט) .

ענדע



פריין 25 קאפ.

B. THURSCH, WARSCHAU.

Nalewki № 7.